בס"ד



# ובדבר ישועה

גליון כ"ז

פסח

ובדבר ישועה בגימטריא ראדשיץ

יצא לאור ע"י

ישיבה ומתיבתא



"תורת אמת"

ד'ראדשיץ

ניתייסד ע"פ בקשת הרה"ק מטאהש שליט"א

ובנשיאות הרה"צ מוה"ר יחזקאל יהודה הלוי גליקמאן שליט"א

נו"נ הרה"ק סב"ק מופה"ד מרן רבינו ישכר בער ב"ר יצחק מראדשיץ זצ"ל

## פנינים נחמדים

**תם מה הוא אומר מה זאת ואמרת אליו בחוזק יד הוציאנו ה' ממצרים מבית עבדים.**

"זאת" רומז לקדושה כדכתיב (ויקרא טז ג) בזאת יבא אהרן אל הקודש, והיינו הצדיק ההולך בתמימות שואל "מה זאת" האיך אפשר איש קרוץ מחומר לבא לזאת המדריגה ולכנוס אל הקודש פנימה, ואמרת אליו הלא גם במצרים היו בני ישראל משוקעים במ"ט שערי טומאה ר"ל ועל ידי אתערותא דלעילא הקדוש ברוך הוא ברוב רחמיו הוציא אותם בחוזק יד מן הטומאה והכניס אותם ברגע חדא לקדושה, אם כן גם עתה אם אדם מכין עצמו לעבודת הבורא יתברך ופותח פתח כחורה של מחט אזי מאיר הקב"ה עליו אור ממרום ופותח לו פתח כפתחו של אולם, עכלה"ק.

(הסבא קדישא מ'ראדשיץ זי"ע)

**כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח**

"לספר" מלשון לספור ולעשות חשבון, ורמז בזה שכל המרבה לעשות חשבון ומדקדק תמיד במעשיו וחושב "ביציאת מצרים" באיזה שפל המדרגה שהיה ואיך שעזרו וסייעו השי"ת והוציאו ממיצרים, ועי"ז יתעורר לתשובה וממילא "הרי זה משובח".

(ספרים הקדושים)

**חכם מה הוא אומר וגו'**

חכם מה הוא אומר מה העדות וגו', רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם וגו'. ושואלים המפרשים למה ייחס בעל ההגדה את השאלה מה העדות וגו' לבן חכם, והשאלה מה העבודה הזאת לכם לבן רשע. וי"ל שהנה התורה מציגה (דברים ו') את שאלת "מה העדות והחוקים והמשפטים" בצורה זו, כי ישאלך בנך מחר לאמור מה העדות והחוקים והמשפטים, ואילו את השאלה מה העבודה הזאת לכם מציגה התורה (שמות י"ב) בצורה זו, "והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם", כי יש שני אופני שאלות, יש מי ששואל ומבקש תשובה, ומוכן להקשיב ולקבל תשובה על שאלתו, ויש הצגת שאלה הכוללת כבר תשובה, שהוא אינו שואל אלא אומר וקובע ופוסק, ולכן "כי ישאלך בנך מחר לאמור", זו שאלת בן חכם המחכה לתשובה, אבל כי "יאמרו אליכם בניכם" אין הוא שואל, אלא אומר, הוא קובע בפסקנות את דעתו-צורת הצגת שאלתו מוכיחה, כי הוא אינו מוכן לקבל תשובה אחרת מזו שהחליט בדעתו, וזהו בן רשע.

(כלי יקר)

**מה העבודה הזה לכם**

כשהרשע רואה שאנו מסתפקים במועט - "לחם עוני", אומר "מה העבודה הזאת לכם", למה לנו גאולה כזאת אם צריכים להסתפק במועט, הלא במצרים אכלנו את הדגה חנם, ואנו משיבים לו: שמטרת יציאתנו ממצרים היתה כדי לקבל את התורה, הנקנית רק מתוך הסתפקות במועט, ו"בעבור זה" בעבור שאקבל את התורה, "עשה ה' לי בצאתי ממצרים", ואילו היה שם לא היה נגאל, מכיון שהרודף אחר תענוגות אינו מסוגל לקיים את התורה.

(כתב סופר)

**אלו עשר מכות**

נוהגין לשפוך מן הכוס טיפות יין בספירת המכות, לרמוז בזה ששמחתנו על כך שבגללנו נענשה עם שלם, איננה שמחה שלימה, אעפ"י שהשונא היה ראוי למפלה זו, אין היא גורמת לנו שמחה אמיתית ושלמה בכל מכה ומכה נגרע משהו מכוס השמחה שלנו.

(אברבנאל)

**חייב אדם לראות את עצמו וגו'**

עיקר חובתו של האדם הוא לראות את עצמו, לבדוק את עצמו מה טיבו ומה מדרגתו, מה הוא צריך לתקן.

(תפארת שלמה)

**ארבע הכוסות הם כנגד ארבע אמהות**

שרה שגיירה את הנשים – כוס ראשונה שאומרים עליה את הקידוש "אשר בחר בנו וקדשנו במצוותיו", רבקה שנתעלתה ממשלת עובדי ע"ז להיות אם לעם היהודי – כוס שניה, שעליה מספרים אודות לבן ויעקב. כוס שלישית על ברכת המזון, כי היא קרויה עקרת הבית, ובנה יוסף הצדיק זן את כל ארץ מצרים, לאה - כוס רביעית שאומרים עליה את ההלל, כנגד מה שאמרה "הפעם אודה את ה'."

(של"ה הקדוש)

**מצות תאכלו במקום קדוש**

פירוש, בשעה שאדם אוכל את הכזית מצה בליל הסדר, צריך המח להיות במקום קדוש, בחינת קודש הקדשים.

(מאמר מרדכי)

**ופסח ה' על הפתח**

הנה חז"ל אמרו שרצון ה' הוא פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם וכו', וכאן במצרים לא הצריך ה' אותנו לפתח זה, אלא "ופסח ה' על הפתח", שה' דילג וויתר על זה הפתח, והכל היה באיתרעותא דלעילא.

(ספרים הקדושים)

## שואלין ודורשין

מנהג פשוט וקבוע בקהילות ישראל מזמן התלמוד, לאסוף מעות מבני העיר, ולחלק חטים או קמח או צרכים אחרים לנצרכים לצורך חג הפסח, וגביה זו קרויה "קמחא דפסחא". כל מי שדר בעיר צריך לתת לצורך קמחא דפסחא, וכל אחד צריך לתת כפי ממונו שבירכו ה'.

יש נוהגים מחביבות המצוה, שלא לאכול מצות מתחילת חודש ניסן, ויש שאף מפורים ואילך אין אוכלים מצות. ומעיקר הדין אסור לאכול מצות בערב פסח. מצות חמץ מעיקר הדין מותרים באכילה, אך רבים החמירו גם בזה, כדי לאכול את המצה לתיאבון בליל החג.

בכל חודש ניסן אין אומרים תחנון, ומנהג הספרדים וכמה קהלות מבני אשכנז שאף 'למנצח יענך' אין אומרים, אולם רוב קהלות האשכנזים נוהגים לאמרו.

אסור להתענות בכל חודש ניסן, מלבד חתן וכלה ביום חופתם והבכורים בערב הפסח. וכבר נהגו הבכורים לפטור את עצמם מהתענית על ידי סיום מסכת או סעודת מצוה.

היוצא בימי ניסן ורואה אילנות מלבלבים, מברך "בָּרוּךְ אַתָּה ה' א' מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁלֹּא חִסַּר בְּעוֹלָמוֹ דָּבָר, וּבָרָא בוֹ בְּרִיּוֹת טוֹבוֹת וְאִילָנוֹת טוֹבִים לְהַנּוֹת בָּהֶם אָדָם". ובכמה קהלות מוסיפים מזמורים ובקשות לאחר הברכה.

מי שיש לו הרבה בתים לבדוק, ואינו יכול לבדוק הכל בליל י"ד ניסן, יכול להקדים ולבדוק בלילות קודם לכן לאור הנר, אך לא יברך על בדיקה זו, ויזהר שלא להכנס לאותם מקומות עם חמץ לאחר הבדיקה. וכשיבוא לבדוק את שאר המקומות בליל י"ד, יברך את הברכה, ויתכון לפטור בברכה זו אף את המקומות שבדק קודם לכן.

**ישיבה ומתיבתא "תורת אמת" ד'ראדשיץ**

נתייסדה ע"פ בקשת כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק מטאהש שליט"א

**בנשיאות הרה"צ רבי יחזקאל יהודה סג"ל גליקמאן שליט"א**

נו"נ הרה"ק מופה"ד מרן רבינו סבא קדישא ישכר בער ב"ר יצחק מראדשיץ זצוקללה"ה

**21 Cliff Ct. Monroe N.Y. 10950**

845-783-6710 Fax 1-888-509-7486

**בהנהלת** מוהר"ר אברהם יהושע פריינד הי"ו – מוהר"ר מאיר יעקב טעסלער הי"ו– מוהר"ר נחום עזריאל גרינהויט הי"ו מוהר"ר יהושע זאב ברח"ל גרינפעלד הי"ו

# פנינים יקרים

**הא לחמא עניא**

דער טעם פארוואס מיר רופען אהן די מצות "לחם עוני" (ארימע ברויט), איז ווייל דאס ברויט פון א ארימאן איז קיינמאהל נישט לויט זיין ווילען און געשמאק. ער באקומט נישט וואס איהם גלוסט זיך, נאר וואס מענטשן גיבען איהם צו עסן. דאס זעלבע דארף זיין מיט אונז פסח ביים סדר. מיר עסן זאכן וואס איז נישט זייער געשמאק פאר אונז, דארפן מיר אבער עסן אזוי ווי אן ארימאן וואס עסט זיין סעודה אהן געשמאק און חשק. ווייל דער עיקר איז, אז מיר זאלן עסן ווייל דער אייבערשטער האט אונז אזוי באפוילען, און נישט פאר אונזער אפעטיט.

(מאור ושמש)

**מה נשתנה**

די ערשטער 2 קשיות פרעגען מיר פארוואס מיר טוהן היינט ביינאכט סימני עבדות, די ערשטע קשיא איז פארוואס מיר עסען מצה, דאס איז דאך א סימן פון לחם עוני, ארימע ברויט, וואס דאס איז עבדות, די צווייטע קשיא איז פארוואס מיר עסען מרור, דאס איז דאך וועגען וימררו את חייהם, וואס דאס איז דאך אויך עבדות. די אנדערע 2 קשיות זענען אבער פארוואס טוהן מיר היינט ביינאכט סימני חירות, איינטונקען 2 מאהל, און אויך אנלעגען זיך זענען ביידע סימני חירות, אויב אזוי לכאורה אדער מאכט מען סימנים פון עבדות, אדער מאכט מען סימנים פון חירות. נאר דאס איז טאקע די תירוץ "עבדים היינו לפרעה במצרים, און אין די זעלבע נאכט איז געווען ויוציאנו ה' אלוקינו משם, אין דער נאכט איז געווען סיי עבדות און סיי חירות, וועגען דעם מאכט מען ביידע סימנים.

(אברבנאל)

**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות... הלילה הזה כולו מצה**

די קשיא גייט ארויף אויף די היינטיגע גלות. "פארוואס איז אנדערש די היינטיגע גלות פון די אנדערע גליות, וואס דויערט עס אזוי לאנג"? - דער תירוץ אויף דעם איז, ווייל: "הלילה הזה כולו מצה", - די היינטיגע גלות איז פוהל מיט קריגערייען און שנאת חנם ("מצה" איז א לשון פון קריגען). און די ביטערע זאך פון מחלוקת פארלענגערט דעם גלות און האלט צוריק משיח פון קומען.

(עוללות אפרים)

**מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ור' אלעזר בן עזרי' ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסובין וכו'**

דער בעל ההגדה וויל דא לאזען הערן א חידוש: אז כאטש די תנאים'ס עלטערן האבען נישט געארבייט אין מצרים, דאך האבען זיי מקיים געווען די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. רבי אליעזר איז געווען א כהן - ר' יהושע איז געווען א לוי, - ר' אלעזר בן עזרי' און ר' טרפון זענען אויך געווען כהנים, - און עס איז באקאנט אז שבט לוי האט נישט געארבעט אין מצרים, - רבי עקיבא'ס עלטערן האבן אויך נישט געארבעט אין מצרים ווייל ער שטאמט דאך פון גרים. וואלט געווען א סברא אז זיי דארפן נישט אזוי שטארק מאריך זיין אין מצות סיפור יציאת מצרים, פונדעסט וועגן זענען זיי געזעצען א גאנצע נאכט און דערציילט די נסים פון יציאת מצרים.

(ערוגת הבושם)

**הרי אני כבן שבעים שנה**

די גמרא דערציילט אז ווען ר' אלעזר בן עזריה איז געווארען נשיא איז ער אלט געווען 18 יאהר, און עס איז געשען א נס, און עס האט געוואקסען אין זיין בארד 18 שורות ווייסע האר, כדי אז ער זאל אויסזען עלטער, און מען זאל איהן אפגעבען מער כבוד, וועגען דעם האט ער געזאגט הרי אני "כ"בן שבעים שנה, איך זעה אזוי אויס.

(ספרים הקדושים)

**כל אותו הלילה**

פארוואס זענען די תנאים אויף געווען א גאנצע נאכט? נאר אין די נאכט פון מכת בכורות זענען די אידן נישט געשלאפן א גאנצע נאכט, ווייל אין די ערשטע טייל פון די נאכט, זענען די אידן געווען באשעפטיגט מיט די מצוה פון קרבן פסח, און אין די צווייטע העלפט זענען די אידן געווען באשעפטיגט זיך צו צוגרייטן ארויס צוגיין. דער בעל הגדה זאגט "בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" דערפאר זענען די תנאים אויף געווען א גאנצע נאכט כדי זיך צו פארגלייכן צו די אידן וואס זענען ארויס פון מצרים וואס זענען אויך אויפגעווען א גאנצע נאכט.

(אברבנאל)

**רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית**

ווי באקאנט, זענען די חכמים וועלכע שטייען אין די הגדה, געווען אין די צייטען פון דעם רשע אדריינוס קיסר ימח שמו. וואס האט גוזר געווען אויף די יודן אז זיי מוזען זיך שמד'ן רח"ל, און טארען נישט אפהיטען קיין מצוות. קען מען זיכער פארשטיין אז זיי האבן אפגעראכטן דעם סדר אין א באהאלטענע הייל אדער קעלער, ווי עס קומט נישט אהן דארט קיין ליכטיגקייט פון די זון. האבן זיי אוועק געשטעלט זייערע תלמידים ביי די טיהר, אז זיי זאלן אויפפאסען צו עס קומען נישט די רשעים. און ווען די תלמידים האבן געזעהן אז די זון שיינט שוין אויף, זענען זיי באלד אריין געגאנגען צו זייערע רבי'ס און געזאגט: "עס איז שוין לעכטיג און עס איז אנגעקומען דער צייט צו לייענען קריאת שמע".

(ילקוט מנחם)

**הרי אני כבן שבעים שנה**

ווען ר' אלעזר בן עזריה איז געבוירען געווארען האט ער באקומען די נשמה פון שמואל הנביא, ווען שמואל הנביא איז נפטר געווארען איז ער געווען אלט 52 יאהר, און ווען ר' אלעזר בן עזריה איז געווארען די נשיא איז ער אלט געווען 18 יאר, (70 = 52 + 18) וועגען דעם האט ער געזאגט הרי אני כבן "שבעים שנה".

(אר"י ז"ל)

**חכם מה הוא אומר, רשע מה הוא אומר**

אויב מען וויל וויסען אויב א מענטש איז א חכם, דארף מען קוקען ווי אזוי ער רעדט. א חכם רעדט שטענדיג נאר קלוגע און שיינע רייד. דאס זעלבע איז ביי א רשע. עס דערקענט זיך אין זיינע רייד וואס ער איז. "חכם" - "מה הוא אומר" - א חכם דערקענט מען פון וואס ער רעדט. "רשע" - "מה הוא אומר" - און א רשע דערקענט מען פון וואס ער רעדט.

(רבי ר' ברוך מעזבוז'ער זי"ע)

# שבת הגדול

פארוואס הייסט די שבת פאר פסח, "שבת הגדול":

א) די הלכה איז אז גוי ששבת חייב מיתה, אויב די אבות האבן געהאט א דין בני נח האבן זיי געמוזט טון א מלאכה תיכף ביים זמן מוצ"ש ווייל ס'איז דא א חיוב אויף בני נח יומם ולילה לא תשבותו, אט דעם שבת זענען די אידן ארויס מכלל בני נח איז געווען די ערשטע שבת וואס זיי האבן געקענט האלט דעם שבת לענגער, דעריבער הייסט דאס שבת הגדול.

(בני יששכר)

ב) שבת הגדול הייבט זיך אן די השפעה פון פסח, דריי מאל "מצה" (פאר די 3 מצות פונעם סדר) מיט פיר מאל כוס (פאר ד' כוסות) איז בגימ' 749, געגוי אזוי ווי "שבת הגדול" 750 מיטן כולל.

(עטרת ישועה)

ג) ווען אידן האבן זיך מל געווען האבן זיי אראפ געברענגט דעם אור הגנוז ווי ביי ששת ימי בראשית, וואס אט יענעם אור האט געשיינט פאר ל"ו שעות, ווייל ל"ו מאל דאס ווארט טוב איז בגימ' ברית, (טוב איז מרומז אויף איינעם וואס איז גע'מלט ווי ס'שטייט ביי משה רבינו ותרא אותו כי טוב שהי' מהול) פארדעם איז יענעם פסח געווען לילה כיום יאיר ווייל דער אור הגנוז האט געשיינט, און שבת בעפאר האט זיך שוין אנגעהויבן דעם גרויסן אור וואס איז געווען בשבת בראשית, איז דער אור געווען שבת הגדול.

(אמרי נועם)

ד) די תכלית פון נעמען דעם שה פאר קרבן פסח איז כדי צו ווערן בענוה, דערפאר אין דעם שבת וואס מ'האט גענומען דעם שה במצרים הייסט שבת הגדול ווייל דער גדול קומט צו צום תכלית הענוה, משכו וקחו משכו ידיכם מע"ז, ווייל כל המתגאה כאילו עובד ע"ז, וקחו לכם שה, ש"ה ר"ת שבת הגדול.

(דמשק אליעזר – ויזניץ)

ה) יעדע שבת איז משפיע פאר דריי טעג אין וואך ביז דינסטאג, (פון מיטוואך איז שוין דא די השפעה פונעם קומענדיגן שבת) שבת הגדול יענס יאר וואס איז געווען למכה מצרים בבכוריהם האט די השפעה פונעם שבת זיך געצויגן ביז מיטוואך ערב פסח, און דארנשטאג איז געווען יצ"מ פסח (וואס הייסט שבת ממחרת השבת) קומט אויס אז דער שבת הגדול האט משפיע געווען פאר איין טאג לענגער ווי סתם א שבת, הייסט דאס שבת הגדול.

(בת עין)

ו) אין די וואך פון פסח איז נתגלה געווארן די שטערקסטע חסד ה', און שבת איז דאך די העכסטע טאג פון די וואך, און דעם שבת פאר פסח איז נכלל אלע שבתות פון אגאנץ יאר, דערפאר הייסט דאס שבת הגדול.

(דעת משה – קאזניץ)

## קורץ און שארף

### הבולע מרור לא יצא

דער ישמח ישראל האט אמאהל געזעדט פון דעם ענין פון מקבל זיין יסורים באהבה, און זיך נישט אפרעדן דערויף, נאר גאר פארקערט זיך פרייען מיט דעם. האט ער געזאגט: די גמרא זאגט דאך אז אויב מען שלינגט אראפ די מרור איז מען נישט יוצא די מצוה, נאר מען דארף דאס גוט צוקייען, דאס קומט מרמז צו זיין אז יסורים דארף מען גוט אדורך קייען...

### כל מקום שאין מכניסים בו חמץ

עס ווערט דערציילט אז איינמאל אין די נאכט פון בדיקת חמץ איז דער הייליגער "אהבת ישראל" זי"ע ארומגעגאנגען אין שטוב מיט גרויס התרגשות, זייענדיג מקיים די מצוה פון בדיקת חמץ, און זיין פנים האט געפלאמט מיט א אור פון קדושה וטהרה. ווען ער האט געענדיגט בודק חמץ צו זיין, האט ער זיך אנגערופן צו הרב החסיד המפורסם ר' מרדכי חָנָה:

"נו, יעצט זאלסטו בודק זיין די חמץ וואס ליגט ביי מיר אין הארצן." מיינענדיג ברוב ענותנותו די 'עבירות' פונעם אהבת ישראל. ר' מרדכי חנא האט זיך אבער נישט פארלוירן, און האט גלייך געענטפערט מיטן מאמר המשנה: "כל מקום שאין מכניסין בו חמץ אין צריך בדיקה", אז אין א יעדע פלאץ ווי מען ברענגט דארט נישט אריין קיין חמץ דארף מען נישט בודק זיין...

### "מתחלה"... "ועכשיו"...

אמאל איז געקומען א איד צו דער הייליגער ר' ברוכ'ל קאסובער זי"ע און ער האט אים דערציילט אז ער האט לעצטענס חתונה געמאכט זיין טאכטער. האט אים דער רבי געפרעגט: וועמען האסטו גענומען פאר אן איידעם? האט אים דער איד געענטפערט: א "היינטיגע" בחור, מיינענדיג צו זאגן אז ער איז א פארגעשריטענער בחור וואס ליידט נישט פון איבריגע יראת שמים.

האט אים ר' ברוכ'ל געענטפערט: פונקט פארקערט, מיר זאגן אין די הגדה "מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו". לויט די ווערטער איז דיין איידעם אן "אמאהליגער בחור".

### אשר פסח על בתי בני ישראל

עס ווערט דערציילט אז אין א געוויסע שטאט האט געוואוינט א קארגער גביר מיטן נאמען "אברהם", וואס פלעגט שטענדיג איינקויפן אין די גוי'אישע געשעפטן, טענה'נדיג אז זיי זענען ביליגער.

איינמאהל שפאצירענדיג אין גאס האט זיך דער רב מיט אים באגעגענט, און דער רב האט אים ווארעם באגריסט: "א גוטן טאג ר' פסח!", - "מיין נאמען איז נישט פסח," האט דער גביר זיך אנגערופן, "איך הייס אברהם."

"דו פארשטייסט נישט," ענטפערט דער רב געלאסן, "איך האב דיר דווקא גערופן פסח, ווייל פארוואס הייסט דער יום-טוב פסח אזוי, ווייל דער אייבערשטער האט איבערגעהיפט איבער אלע אידישע הייזער און איז נאר געגאנגען צו די גוי'אישע הייזער. דו טוסט אויך אזוי, דעריבער רוף איך דיר ר' פסח..."

## מעשה רב — מהרה"ק הסבא קדישא מראדשיץ זצוק"ל

גודל דחקותו של מרן רבינו הסבא קדישא טרם התגלותו ידוע, פעם אחת אירע שבאור לארבעה עשר בעת הגיע הזמן של בדיקת חמץ, ובביתו לא נמצא אף חתיכת לחם, עד שהוכרח לשאול משכינו ככר לחם, כדי לקיים בו ביעור חמץ וגם המנהג של העשרה פתיתין, ואגב זה סעדו לבם העטופים ברעב מכמה ימים, עד שממעט הלחם לא נשאר בו עד בוקר, ויהי בבוקר לאחר התפלה ובבית אין כל מה לאכול {וידוע דרכו שלא להגיד לשום איש, חוץ מהנ"ל שהוצרך לקיים מצות בדיקת חמץ} עד שעבר הזמן של אכילת חמץ, ויהי בשעה עשירית כאשר כבר קיימו הכתוב שאור לא ימצא בבתיכם, אבל מהכתוב בערב תאכלו מצות עדיין היו רחוקים, כי לא הוכן עדיין על חג הפסח אפילו פחות משוה פרוטה, ובני ביתו היו רעבים מאד מאתמול, כי מעט הלחם לא הספיק לכל אחד כי אם כזית, ולא זו אף זו כי היו מתאנחים על החג הממשמש ובא, ואין בבית אף כזית מצה, ועדיין הסתירו הדבר משכיניהם כמצות אביהם הקדוש, אשר שם בה' כל מבטחו, והשעות עברו וגם חלפו, ועיניהם כלות וצופות מאין יבא עזרם, ועדיין לא היה בביתם שום דבר על חג הפסח.

בשעה ג' אחר חצות היום באו שני אנשים ממדינת אשכנז במרכבה כבודה, וישאלו לאנשי העיר באיזה מקום דר איש חסיד וירא שמים, שנזהר לאכל בכל ימי הפסח רק שמורה, וגם נזהר מאוד אפילו ממשהו חמץ, ויתמהו אנשי העיר על האנשים האלו ועל מבוקשם, ומחמת שרבינו הסבא קדישא היה אז עדיין נחבא אל הכלים, והצניע מאוד הליכותיו בקודש, לכך לא ידעו אנשי העיר מגודל צדקתו וקדושתו, להראות עליו שהוא הוא, עד שמצאו שני נערים משכיניו שהיו דרים עמו בבית אחד, והכירו בו קצת לאיש אמונים, ותיכף הראו להם את בית רבינו הסבא קדישא, בבואם לביתו לא מצאו את רבינו הסבא קדישא רק את אשתו הרבנית, ושאלו אותה על בעלה איפה הוא, וענתה להם כי הוא יושב ולומד בבית המדרש, ושאלה אותם מה מבוקשם, ואמרו לה כי אנחנו ממקום רחוק, ומד' מצעדי גבר וכו' שמוכרחים להשאר בדרך בארץ אחרת, ובביתינו אנו נזהרים בכל החומרות, ורוצים אנו לערוך את החג המצות הבע"ל כמו בביתינו, וכאשר שמענו על בעלכם כי הוא איש ירא וחרד לדבר ה'. לכן ברצוננו להיות מחוגגי חג הפסח אצלו, כי מסתמא נזהרים אצלו בכל, כיאות לאיש כמוהו. וענתה להם בלב נאנחה וברוח נשברה, הנה אגיד לכם האמת כי עדיין לא הוכן אצלי מאומה על חג הפסח, והשיבו לה כי על זה אין לה לדאוג כלל, והראו לה דרך החלון שבחוץ עומד על המרכבה תיבה גדולה ותיכף הביאו התיבה הביתה ופתחו אותה והנה היא מלאה מכל מילי דמיטב מצות יין טוב בשר ודגים, וגם כל הירקות הנצרכים לסדר, עם כל מיני מעדנים, וערכו את השלחן כשלחן מלכים.

וכשהגיע זמן מנחה, הלכו האורחים אל בית המדרש אשר היה שם רבינו הסבא קדישא והתפללו שמה מנחה, וערבית של חג, לאחר התפלה נגשו האורחים אל רבינו הסבא קדישא ויאמרו אליו גוט יום טוב, ונתן להם שלום, ויספרו לו לאמור, כאשר אנחנו מעיר רחוקה ממדינת אשכנז, ואירע לנו אונס שלא יכלנו להגיע לביתינו על חג הפסח, והיות ובביתו אנו זהירים וחרדים לדבר ה', על כן גם פה רוצים אנחנו לחוג אצל ירא וחרד לדבר ה', וכפי ששמענו על מר שהוא מהחרדים, על כן רוצים אנו לחוג אצלכם. ויען רבינו הסבא קדישא ויאמר להם בודאי מסכים אני לדבר הזה, אבל מה אעשה שלא הכנתי על החג מאומה, ויאמרו אליו אם לא יהיה לא נאכל, והלכו עמו האורחים לביתו, ויהי כבוא רבינו הסבא קדישא הביתה, והנה הבית מלא אורה ושמחה, והשלחן ערוך ומסודר כשלחן מלכים, נשתומם מאד, ושאל לרבנית מה זאת, וענתה האורחים הללו הביאו כל זה, ותיכף נתן שבח והודיה להשי"ת על הניסים האלה, וגם שמח עם האורחים מאוד, כי ראה שהמה תלמידי חכמים גדולים ויראי ה', וערכו עמו הסדר ברוב עוז וחדוה, ועסקו כל הלילה בספורי יציאת מצרים, וכך היה בלילה השני, והאורחים ברכו לכולם, במוצאי יום טוב לאח הבדלה הלכו האורחים החוצה ונעלמו להם, לאחר כמה שעות כשראו שלא באו חזרה, הלכו ובקשו אותם בכל העיר ולא מצאו אותם, ולא ידעו מה לחשוב, אבל הבינו כי לא דבר ריק הוא.

ויהי כבא חג השבועות ורבינו הסבא קדישא היה אצל מרן רבו הקדוש מלובלין זי"ע, ושאלו הרבי על מצבו, ויספר לו את אשר מצאו הניסים מהאורחים וגם מה שנעלמו ממנו פתאום במוצאי יום טוב, ויען הרבי ויאמר לו היודע אתה מי היו האורחים החשובים הללו, הלא הם מלאכי מעלה מיכאל וגבריאל, אשריך וטוב חלקך, ומעתה אפילתך יאיר לך, ויתרומם קרנך בעולם מהיום והלאה זי"ע ועכ"י.

# דברות קודש מהרה"צ הראש ישיבה שליט"א

## לבחורי חמד - בין הזמנים

**א גוט יאר! אלע חשובע בחורים!** פאר געציילטע בחורים דארף איך נישט זאגען שלום עליכם, ברוך השם עס איז דא קע"ה בחורים וואס זיי רופען אן כסדר, און מען האלט א שטארקען קשר בין הזמנים, איך האב מורא'דיג הנאה דערפון. עס איז אוודאי דא וואס טראכטן ביי זיך, אז עס איז גענוג מיט די ישיבה, א גאנצן זמן, לאמיר האבן אביסל מנוחה בין הזמנים, איך פארשטיי דאס זייער גוט, איך וויל נישט שטערן קיינעם, ביי אונז אין ישיבה איז דאך איינגעפירט אז מען לייגט נישט קיין איבעריגע פרעשער, איז אויב איינער שפירט אז ער האט פרעשער בין הזמנים אז ער רופט מיך, פארשטיי איך איהם זייער שטארק, איך האף אז ער נוצט אויס די צייט ווי אזוי עס דארף צו זיין, און ער שטייט נישט און וועג פאר די חשובע עלטערן, נאר פארקערט מ'זוכט ווי מ'קען אלס צולייגען א האנט ווי מ'קען ארויסהעלפן לכבוד יו"ט.

*******

אז מען רעדט פון העלפן אין שטוב, דארף מען וויסען וואס העלפן אין שטוב מיינט, מ'קען זאגען בדרך צחות, ס'איז געווען א יונגערמאן וואס ער האט זייער שטארק געוואלט ארויס העלפן פאר פסח, פארשטייט זיך אליין אז דער ווייב האט זיך דערזעהן מיט א פראבלעם, טאג אין נאכט ווי זי דרייט זיך, דרייט זיך דער מאן אויך, און מען קען אזוי נישט ארבעטן. האט אים די ווייב געזאגט אז זי האט פאר אים זייער א גוטע פארשלאג, ווי אזוי ער וועט קענען אויף א גרינגען אויפן ארויס העלפן פאר פסח, דאס וועט זיין פארביידע א מורא'דיגע זאך, און דאס איז, אז ער זאל גיין אין בית מדרש, זיך דארט זעצן לערנען אדער זאגען תהלים, דארט פארבלייבען זיצן און פארברענגען, עטליכע שעה אין טאג, אזוי וועט זי האבען מנוחה פאר אפאר שעה, און דאס וועט זיין די שטערקסע און די בעסטע הילף וואס מען קען האבען. דער מאן איז געווען זייער א געטרייער מאן, און ער האט זיך אויפגעהויבען און געגאנגען אין בית מדרש. נאך א פאר שעה איז דער מאן אהיים געקומען, פרעגט איהם דער ווייב וואס האסטו זיך אזוי געאיילט אהיים צו קומען, זאגט ער פאר איר דו מוזט דאך פארשטיין אז העלפן האט אויך א גבול, ער קען שוין נישט אזוי סאך העלפן, און אריין לייגען אזוי סאך ארבעט אין אזא קורצע צייט, דערפאר איז ער שוין אהיים געקומען זיך אביסל אפצורוען...

יעדע הויז איז אנגעצויגען פאר פסח, מען דארף העלפן, מיט וואס נאר מען קען העלפן, עס קומט פאר יערליך א גרויסע איבערקערעניש, עס קומט דאך פסח און מען דארף ארויס טראגען דעם חמץ פון שטוב, איבער דעם קערט מען איבער די הויז, מען קראצט, מען רייבט, עס שטייט פון צדיקים מורא'דיגע זאכן וואס די נשים צדקניות באקומען עקסטער שכר פאר'ן רייבען;

מען דארף אמת'דיג אריינטראכטן וואס דא גייט פאר, יעצט דארף מען פארשטיין באמת וואס דאס מיינט אז מען זעצט זיך צו דעם סדר פסח ביינאכט. מיר וועלן דא אויסשמועסען אפאר נקודות, וואס ס'איז זייער וויכטוג צו וויסען, פאר מען זעצט זיך צום סדר פסח אויפדערנאכט,

ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל ברענגט ארויס א מורא'דיגען געדאנק אין איינע פון זיינע בריוון, בתוך דבריו שרייבט ער אזוי, אז אין צייטן פון א מלחמה, אויב מען שטעלט אפ א מענטש און מען פרעגט איהם וואס וועט זיין, עס איז דאך א מלחמה יעצט, ווער האלסטו גייט געווינען? אויב ענטפערט ער איך ווייס נישט, אזא מענטש שרייבט ער איז לא מן השמים ולא מן הארץ, ער איז נישט דא און נישט דארט, ער איז אינגאנצן נישט קיין מענטש, פארוואס? ווייל יעדער מענטש האט א טראכט מאשין, דאס טראכט מאשין וואס ליגט אויבן אין קאפ טראכט 24 שעה א טאג, אפילו ווען ער לייגט זיך שלאפן חלומ'ט עס, דער מוח טראכט טאג און נאכט, אויב איז יעצט א שעת מלחמה, און עס פליען באמבעס איינס נאכען צווייטען, און עס פליט ראקעטען ארויף אין אראפ, אין מ'דארף גיין מיט א **מאסק** וועגען די גאז, און מ'שטעלט איהם אפ און מ'פרעגסט איהם וואס וועט זיין, ווער וועט געווינען, און אז ער זאגט אז ער ווייסט נישט, איז טייטש אז זיין מוח איז פארמאכט, דאס קעמערעל וואס ער האט אויבען וואס עס דארף צו טראכטען, טראכט נישט, עס איז פארמאכט, ער איז בכלל נישט א מענטש, און פון אזא איינעם רעדט מען נישט, אויף אזא איינעם קען מען נישט זאגען אז ער איז צומישט, נאר ער מוז קודם טראכטן, און אז ער טראכט נישט איז ער צומישט, ווייל ער ווייסט נישט וואס צו טוהן, ווייל זיין מוח איז פארמאכט, איינמאל ער הייבט אן צו טראכטן, און אמת'דיג ארייננקלערן וואס טוט זיך דא דעמאלטס ווערט ער אויס צומישט.

בדרך כלל, דאס איז בעצם א יוד, א יוד דארף וויסען טאג און נאכט אז ער איז א איד, ער דארף אריינטראכטען ווי האלט איך אויף דער וועלט, וואס טוט זיך מיט מיר, בין איך יא מסודר בין איך נישט מסודר, פאפף איך מיך ארום אדער נישט, לעב איך אין א חלום אדער נישט, לעב איך אין א מציאות אדער נישט. דאס אלעס דארף ער כסדר טראכטן,

און נאר אזוי קען ער און וועט ער בעזר השם מצליח זיין א גאנץ לעבן.

*******

בפרטית, דארפען מיר זיך יעצט פאר'ן יו"ט פסח, אראפשטעלען טראכטען וואס טוט זיך, ווי האלט מען, און וואס טוט זיך דא;

מען דארף קלינען, מען דארף רוימען.

מ'דארף ארויסטראגען יעדע ברעקעל חמץ; מען דארף אריין ברענגען מצה.

מיר דארפען עסן מצה, וואס האט די מצה מיט מיר, וואס האב איך מיט די מצה.

און דערנאך דארפ'ן מיר נאך פארשטיין די מורא'דיגע מימרא חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים, מען דארף זיך זעען ווי גלייך איך בין יעצט אליין ארויס פון מצרים. לכאורה קוקט עס אויס זייער א ווילדע זאך אויבען אויף אזוי צו טראכטן, איך בין ביז יעצט קיינמאל נישט געווען אין מצרים, איך בין יעצט אין אמעריקע, איך ווייס נישט ווען איך בין אמאל געווען אין מצרים, נישט מיין טאטע איז געווען אין מצרים, נישט מיין זיידע איז געווען אין מצרים, אויך נישט מיין עלטער זיידע, און איך מיין אז אויך די אלע תלמידי בעל שם זענען נישט געווען אין מצרים, וואס קומט דא פאר, אז איך דארף מיך דא טרעפען אז איך בין יעצט אין מצרים, און איך דארף פון דא ארויס גיין.

נאך א וויכטיגע זאך וואס מען דארף צו פארשטיין, ווען דער רבוש"ע האט געהייסען אז מען זאל שפריצען בלוט אויף די משקוף פון אלע טירן, אזוי וועט ער וויסען ווי עס וואוינט א יוד, דאס איז זייער שווער צו פארשטיין, אויב מען מעג פרעגן, דער רבוש"ע איז עפעס געווארען פלוצלינג אומוויסענד, ער ווייסט דען נישט ווי עס וואוינט א יוד, דא האט ער גענדארפט הארגענען אלע בכורים, עס ווערט א צומישעניש, וואס קומט דא פאר, עס אזוי זייער שווער צו טראכטן אז דער רבוש"ע וואס האט באשאפען די גאנצע וועלט, אלעס מיט אזא גרויס פונקטליכקייט, און דא וואס עס קומט פאר מיט קריאת ים סוף און אלע 10 מכות, פלוצלינג רעדט ער צו משה רבינו, אז ער זאל גיין זאגען פאר די אידן אז מען גייט זיי ארויס נעמען פון מצרים, נאר אזוי ווי ער ווייסט עפעס נישט ווי עס וואוינט א איד, דארף מען דא לייגען בלוט, אזוי ארום וועל איך קענען שפרינגען אויף די הייזער, ווי מען זאגט פסח ביינאכט ביי דעם סדר **על שם שפסח על בתי בני ישראל**, דער רבוש"ע האט איבערגעהיפט און געטאנצען, א גאנצע איבערקערעניש דא. איז וואס גייט דא פאר מיט די בלוט.

אויך איז יעצט אין די וועלט א גאנצער איבערקערניש, אין אלע מדינת ארום אין ארום, אינדערויסען פון אמעריקע, אין די איירופעישע לענדער, האט זיך געמאכט יעצט א נייע עפאכע, דער עולם דארף **פרייהייט**. דארף מען דאך פארשטיין טאקע, וואס איז טאקע דא געשעהן, יעדער פארלאנגט פלוצלינג פרייהייט, יעדער איז אונטערדריקט, יעדער פארלאנגט פרייהייט.

מיר דארפן פארשטיין וואס מיינט **ליל שמורים**, מיר אלע האבן בערך דריי שלעסער אויף די טירן, מיט אייזענס אויף די פענסטער, מיר האבן שומרים ארגענזאציע, מיט פאבליק סעפט"י, אין יעדע אידישע געגענט, ווי איז באמת אונזער פרייהייט פסח אויף דער נאכט? במציאות זענען מיר דאך אין גלות.

*******

צו אלעם ערשט דארף מען פארשטיין וואס מיינט דאס **אונטערדריקט**, און וואס מיינט **פרייהייט**.

איך האף אז יעדער איינער פארשטייט, אז **אונטערדרוקט** מיינט נישט דאס וואס בחורים האבען אפגעטייטשט אין די ישיבה וועלט, **פרעשור**, און יעדע זאך וואס מען זאגט איהם, ווי למשל **שטיי אויף** איז פרעשור, **לייג דיר שלאפען** איז פרעשור, **שטעל דיך דאווענען** איז פרעשור, און פרייהייט ביי די בחורים מיינט גארנישט פארלאנגען, לאזען הפקר, דאס פארשטייט יעדער אז פון אזא סארט רעדט מען נישט.

טייערע חשובע בחורים לאמיך צו ענק רעדן אביסל ערנסטע ווערטער, צו פארשטיין אין אמת'דיג ארויס האבען וואס דער פסח איז, וואס באמת קומט דא פאר, און וואס דער רבוש"ע וויל פון אונז האבען. מיר דארפן קודם ארויס האבן דעם יסוד וואס דאס מיינט **פרעשור**, וואס דאס מיינט **אונטערדריקט**.

**עס שטייט אין די ספרים הק'**, אז פאר א איד קומט אראפ אויף דעם עולם שטעלט מען איהם אויס זיין גאנץ לעבן, מען ווייזט איהם גענוי א פונקטליכען בילד ווי אזוי עס גייט

אויס זעהן, ווער עס גייט זיין דער טאטע, ווער עס גייט זיין דער מאמע, און אזוי אויך ווייזט מען עם אלע  שווערעקייטן, און די גוטע חלקים וואס ער וועט א דורך גיין במשך פון זיין גאנץ לעבן. מען פרעגט דער מענטש אויב ער וויל עס אננעמען, אדער נישט, ביסטו גרייט דערפאר אדער ביסטו נישט גרייט דערפאר, יעדן איינעם געט מען א קלארען בילד, ווי למשל דיין מאמע גייט זיין אביסעל א גערעגטער, דיין טאטע גייט זיין כסדר אין אנדערע גיסטע, אזוי גייט זיין פארשידענע זאכען, דו גייסט זיין פון צייט צו צייט א צומישטער מענטש, איין טאג אזוי, איין טאג אזוי, דו גייסט האבען טענות אויף די גאנצע וועלט, יעדער גייט זיין שולדיג, דיין טאטע גייט זיין שולדיג זונטאג, דיין מאמע גייט זיין שולדיג מאנטאג, דער ראש ישיבה גייט זיין שולדיג דינסטאג, מען שטעלט איהם אלס פונקטליך אויס, און אזוי פרעגט מען עם אליינס, צו ווילסטו עס אדער נישט; זאל יעדער איינער זייער קלאר וויסען, אז ווער עס טרעפט זיך דא אויף דעם כדור הארץ האט מסכים געווען אויף דעם גאנצען בילד פון זיין מהלך החיים, וואס מען האט איהם געוויזען אויבן. און אז ער האט מסכים געווען איז טייטש, אז ער האט געזעהן אין יעדע זאך א קלארקייט, וואס דא קומט פאר, וואס וויל מען פון מיר האבן, וואס איז מיין פלאן, וואס איז דער פלאן וואס מען וויל פון מיר האבען, וואס דארף איך טוהן, איין מאל ער זעהט אזא קלארע בילד איז דער מענטש מסכים אויף אלעם, ווייל ער זעהט זייער קלאר וואס די פלאן איז, פון אנפאנג ביז צום סוף, ער וויל זיך זייער שטארק צושטעלען צו דעם.

דער פראבלעם פאנגט אן צו וואקסן דא, ווען מען איז אויף דעם עולם השפל, וואס מען האט נישט אזוי קלאר דעם בילד, מען האט געמאכט אלעס פארגעסען ווי נאר מיר האבן באקומען דעם שנעלקע דורכ'ן מלאך הממונה, און אזוי ארויס געגאנגען אויף דעם עולם, הייבן מיר זיך אן צו פלאגען, היינט אזוי און מארגן אזוי, מען האט טענות אויף דעם, טענות אויף יענעם, דער איז נישט גערעכט, און פארשטייט זיך אז נאר ער איז גערעכט, ווער עס איז נעכטען יא געווען גערעכט, ווערט מען דעם אנדער'ן טאג געוואויר אז ער איז נישט געווען גערעכט, אזוי פארקערט, אזא גאנצע איבערקערעניש, דארף מען גיט ארייַנטראכטען, ארויס נעמען דעם בילד וואס דער אמת'קייט פון יעדע זאך איז.

לאמיר אנהייבען צונעמען די זאך, וואס מיינט אז מען האט **פרעשור**. עס איז פארהאנען א געוויסען פראבלעם וואס עס איז היינט דא ביי אונז היימישען עולם, וואס מען רעדט נישט דערפון, אז היינט וואקסט מען אויף זייער אטאמאטיש, מען קען עס פארשטיין, ווייל דער גאנצען סיסטעם איז אלעס אטאמאטיש, אלס וואקסט אזוי, אלעס וואס אונז ניצען איז אטאמאטיש, אמאל איז געווען א קאר מיט א דיקען שיפטער, האסט געוואלט דרייוועןן האסטו געדארפט ארבעטען צו קענען אנקומען ערגעץ, היינט דרוקט מען אראפ די פיס און אלס גייט אטאמאטיש, ארויף א בארג, אראפ א בארג, דארפסט גארנישט טוהן, אלעס פארט, מען גיט שוין היינט ארויס א געוויסען סארט קאר וואס דו קענסט זיצען דערין און פארן, דער קאר וועט שוין שפירען אויב עס איז דא א אנדערע קאר פארנט, אויב וועט ער דארפן פארן אויף צוריק, וועט עס דאס אויך שפירן, עס וועט עס איהם נישט לאזען, ווייל די גאנצע זאך ווערט געבויט אטאמאטיש, ממילא ווערט אידישקייט אויך געבויט היינט ביי אונז אטאמאטיש. (מען טאר דאס אפשר נישט זאגען הויך, אבער דאס איז ליידער די מציאות.)

ווי למשל פאר פסח איז יעדער פארנומען, פארוואס? ווייל עס איז אטאמאטיש, מען קוקט אויף די לוח נאך פורים, ווערט יעדער פארנומען, יאר אַיין יאר אויס, אז מען פוצט אויס דער הויז. וואס גייט דא פאָר, איך ווייס נישט, מ'טוט דאס ווייל מיין טאטע האט דאס געטוהן, מיין מאמע האט עס געטוהן, קיינער האט זיך נאכנישט אפגעשטעלט טראכטן, וואס וויל מען פון מיר יעצט האבען, וואס דארף איך צושטעלען דא. א דוגמא ווי למשל יעדער גייט שבת אין בית המדרש דארף איך אויך גיין אין בית מדרש, ער וואלט זיך יעצט זייער געשפירט באקוועם צו אויפשטיין שפעטער, נאר א גאנצע וואך האט ער א מנין שפעטער, איינס צוויי אדער דריי אזייגער, אבער שבת וועט ער נישט האבען א מנין אזוי שפעט, ממילא קומט ער יעצט אין שול. אום 9 אזייגער שבת אינדערפרי טרעפט זיך יעדער אויטאמטיש אויף די גאס, יעדער גייט מיט די שבת'דיגע בגדים, מיט די שטריימעל, מיט די טליתים, עס איז אן אטאמאטישע שפיל. אטאמאטיש קומט יעדער, יעדן צופרי קומט אויטמאטיש די באס 7 אזייגער, אלע מאמע'ס שטייען שוין דארט אונטען מיט די קינדער, זיי ארויף צולייגען אויף די באס, (אגב און אזוי אויך ווען די באס קומט אָן, און ווען מען קומט אהיים איז יעדער פארנומען, אז א צווייטער זאל באמערקען, ווי שטארק מען האט ליב די קינדער, דאס איז א עקסטער שמועס ארייַנצוגיין, עס איז נישט פאר יעצט).

און קיינער שטעלט זיך נישט אפ, צו טראכטן איין מינוט, וואס גייט טאקע דא פאָר? דאס איז די פראבלעם וואס האנדעלט זיך איבער טאג נאך טאג, און דערפאר ווערט יעדער איינער צומישט, קיינער האט נישט ארויס קלאר וואס דא גייט פאר.

בדרך אגב, איז טאקע כדאי ארויס צו ברענגען קלאהר, אז אונזער ארבעט אין ראדשיץ איז, יא צו צונעמען יעדע זאך, אז מען זאל קלאר ארויס האבען וואס איז אידישקייט, און וואס דא גייט פאר.

למשל אז מען פרעגט היינט א גוי להבדיל אלף אלפי הבדלות פארוואס גייסטו אין די אדער יענע סקול, האט נאך קיין איין גוי נישט געענפערט **איך ווייס נישט**, אזא ענטפער איז נישט דא. וואס הייסט דו ווייסט נישט? דו ביסט דאך געגאנגען, דו האסט זיך איינגעשריבען, דו צאלסט פאר דעם, עס איז דא א גאנצע פראצעדור וואס די שטאט באצאלט און מען באקומט צוריק געלט, עס איז נישט דא אזא זאך איך ווייס נישט, אין עס איז נישט דא א תירוץ **אמ.. איך ווייס נישט, מיין טאטע... האט מיך געהייסען צו גיין**, אזא זאך איז נישט דא.

יעדער איינער האט א פונקטליכע תירוץ פארוואס ער גייט אין דעם געוויסען סקול.

ווען על פי רוב ביי די סוף גאס איז דא נאך א סקול, וואס איז ממש דאס זעלבע, אז דו וועסט איהם פרעגן פארוואס, וועט ער דיר געבען א גאנצע צעטיל מיט לכה"פ 30 סיבות, פארוואס ער האט אויסגעקליבען נישט צו גיין דא אין די געגענט וואס איז גאנץ באקוועם, און עס איז נאנט צו זיין הויז, נאר ער מוז אוועק פארן א שעה, ווייל דארט איז בעסער, און דארט לערענט מען אזוי און אזוי, און דארט איז דא יענע ספעציעלע לערערין, און ער האט א גאנצע פלאן פארוואס ער איז דארט. אבער ביי אונז היימישן עולם אז מען פרעגט איינעם אין וועלעכע ישיבה גייסטו? די תירוץ איז, פארוואס דען נישט?.

די עצם קשיא **פארוואס ער גייט דווקא דארט**, איז אים זייער אן אינטרעסאנטע קשיא, וואס הייסט **פארוואס**, ווי דען זאל איך גיין, מיין טאטע האט מיך דארט איינגעשריבען! ביי אונזער היימישן עולם, קען מען היינט זעהן 17-18 יעריגע בחורים וואס לכאורה זענען זיי זייער פארשטענדליך, זיי האבען שכל, זיי זענען שוין עכ"פ גרייט צו ווערן א חתן, מ'פרעגט איהם א פשוטע קשיא וואס גייט פאר מיט דיר, ווי לערנסטו, פארוואס לערנסטו לאמיר אנכאפן למשל אין קאזשניץ און נישט אין מישקאלטץ? ווייסט ער נישט, ער ענטפערט בתמימות א תירוץ, מיין טאטע דאווענט אין קאזשניץ דערפאר גיי איך אין קאזשניץ, אדער מיין טאטע איז א קאזשניצער חסיד! ממילא? ווי קומט דאס מיט אויסקלויבען א מקום תורה להצלחה? עס איז זייער נישט נארמאל צו ענטפערן אזא תירוץ. די רוכטיגער תירוץ וואלט געדארפט זיין, **איך אליין** האב דווקא אויסגעקליבען צו גיין אין די ישיבה, ווייל **איך אליין** אדער מיין פאטער האט איינגעזעהן אז אין די ישיבה גיט מען זיך אפ מיט א בחור, און האט נאך פארשידענע מעלות, א.א.וו. דו דארפסט האבן א פלאן פארוואס דו דרייעסט דיך דא, דו ביסט 5 חדשים אויף א פלאץ און דו ווייסט נישט ווי די דרייעסט דיך? און באמת, די אלע בחורים וואס דרייען זיך אויף פלעצער און ווייסען נישט פארוואס זיי דרייען זיך דארט, די אלע זענען אויסגעשטעלט אויף ערנסטע פראבלעמען נאך זייער חתונה, ווייל זיי ווייסען נישט ווי אזוי צו האנדעלן מיט קליינע פראבלעמען, ווייל אזא קליינער פראבלעם פארוואס ער איז אין דער ישיבה ווייסט ער אויך נישט. ביי אונז אין די ישיבה ווייסט ב"ה יעדער איינער פארוואס ער איז דא, וואס זיין סיבה איז אז ער דארף דא זיין, ווייל ביי אונז לערנט מען אויס צו טראכטן.

*******

יעצט לאמיר צוריק גיין צום ענין, צו וויסן וואס דער פסח האט מיט אונז, און וואס דא קומט פאר. יעדער מענטש האט ליב צו זיין ווי אזוי דער רבוש"ע האט איהם באשאפען ווי אזוי ער זאל זיין; א גוי אז ער איז זיך מגייר, איז עס זייער א אויפאלענדע זאך, ער מוז האבן זייער ערנסטע סיבות פארוואס ער וויל טוישן זיין לעבן, אז ער איז באשאפן געווארען א גוי און ער האט זיין גלויבונג ווי ער איז דארט אויפגעוואקסען, דארף ער זיין ווי אזוי ער איז אויפגעוואקסען, און ווי פארשטענדליך דארף ער אנערקענען אז דאס איז זיין שטוב, און אז ס'האט זיך אים פלוצלינג אויפגעוועקט א מחשבה פון טוישן זיין פארדרייטער גלויבונג, און האט מחליט געווען צו ווערן א איד, איז איינע פון די סיבות, ווען א גוי וויל זיך מגייר זיין איז מען אים קודם מדחה, דער גוי מוז האבן גאר א ערנסטע סיבה זיך צו טוישן פון זיין גוישקייט צו ווערן א איד, אז נישט איז ער א ערנסטער משוגענער, עפעס טויג נישט מיט עם, און אויף די אנדערע נארמאלע גוים, וואס זענען טאלאנטפולע נארמאלע מענטשן, איז נישט קיין שום קשיא פארוואס זיי וויל נישט ווערען א איד, ווייל ער איז זייער א נארמאלער דורכגעטראכטער גוי, און ער ווייסט אז ער איז באשאפען געווארען א גוי, מיט זיין משפחה, מיט זיין גלויבונג, ער גלייבט, און ווייסט אז דאס איז ער, ער וואקסט אויף מיט דעם, אזוי שטייגט ער ווייטער מיט זיין פלאן, ער ווערט א לויער, א דאקטער, ווי אזוי עס זאל נאר זיין.

אזוי אויך א איד - להבדיל אלף אלפי הבדלות - דארף צו וויסן, אז אויב איך בין געבוירן געווארן א איד איז דאס וואס איך בין, א אידיש קינד, איך דארף זיין א געטרייער איד, יעדער אידיש קינד דארף זיך שטארק ארייַנלייגן אויסצוגעפונען וואס איז דאס אידישקייט, וואס דארף איך טוהן, וואס וויל דער רבוש"ע פון מיר, און וואס דארף איך צושטעלן פאר דעם. יעדע זאך וואס מען לייגט אין דעם אריין קאפ און מוח, צו וואקסען און צו שטייגען, געוואויר צו ווערן באמת ווער איך בין, און וואס איך דארף צו זיין, דאס הייסט נישט קיין **פרעשור**, אלעס וואס ער גייט טוהן פאר דעם סיבה פון אידישקייט, הייסט נישט **פרעשור**, דאס איז זייער א שטארקע זאך צו וויסען **מה חובתי בעולמי**, וואס איז מיין פליכט; א הונט קען נישט ווערן א אקס, א אקס קען נישט ווערן א הונט, ווייל א

אקס האט איר פליכט, א הונט האט איר פליכט, יעדע בהמה האט איר תפקיד וואס זי דארף טוהן, קיינער קען נישט ווערן א צווייטער.

להבדיל אלף אלפי הבדלות ביי גוים, לערנט מען, אז יעדער פון זיי דארף צו וויסן ביי זיך, וואס ער איז, צו ער גלייבט אין **די** גלויבינג צו אין א צווייטע, און וואס ער וויל אויסוואקסן, און אזוי אויך וואס וויל ער פונקטליך זיין, און אין דעם לייגט ער אריין זיינע שטערקסטע כוחות דאס אויסצופירן. אזוי אויך- להבדיל - ביי אונז אידישע קינדער, מיר האבן א שלחן ערוך, אויף יעדע זאך ווי אזוי א איד דארף זיך צו פירן, אז ער זאל קענען אריין לייגן זיינע שטערקסטע כוחות וואס ער דארף צו שטעלן אלס א איד, מען דארף דאווענען, מען דארף לערנען, דאס איז נישט קיין פרעשור חלילה, דאס איז אלעס צוגעשטעלט כדי אז א אידיש קינד זאל וויסן ווער ער איז, דאס איז ווער דו ביסט, דאס איז וואס דו דארפסט צושטעלען; עס איז גאנץ מעגליך אז דו ביסט אפשר נישט היינט אין די בעסטע גיסטע, מען דארף גיין דאווענען אדער לערנען, און דו האסט יעצט נישט קיין כח, און נישט די שטערקסטע געדולד, דיין מוח איז נישט יעצט אינגאנצען דא, איז דא אויף דעם פארשידענע עצות וואס דער רבוש"ע גיט, אז א מענטש זאל זיך צו דעם צושטעלען, ווי אזוי א מענטש זאל ארבעטען אויף זיך, ווייל א מענטש דארף זיך מתקן זיין; פאר די סיבה האט מען אונז מזכה געווען מיט ספרי תלמידי בעל שם, ווען א מענטש זאגט אז לעת עתה קען איך גארנישט טוען, איך האב יעצט נישט קיין חשק צו גארנישט, און ווען עס קומט אן א ענין וואס ער דארף ארבעטן אויף זיינע מדות, און ער זאגט, איך האב נישט קיין כח, איך האב נישט קיין נערוון, איך בין א בעל כעסן, וכו' וכו', זאל ער וויסן קלאהר אז ער איז ווייט פון זיין געראכט, דו ביסט געבוירען אזוי כדי עס צו קענען איבערקומען די מצבים, דו דארפסט אויף דעם ארבעטן, ווען דו ארבעטסט אויף דעם ביסטו נישט אין א געפענגעניש, אדער אונטער פרעשור, אדער אונטערדריקט, נאר דו ארבעטסט פאר דיר, ווייל די ווילסט אזוי, די דארפסט זיין א פולשטענדיגער נארמאלער מענטש, ווערלעכער דו ביסט באשאפן געווארן; אויב דו ביסט באשאפן געווארען אז דו ביסט א אידיש קינד דארפסטו אלעס טוהן וואס אידישקייט פארלאנגט פון דיר, אידישקייט איז נישט קיין פרעשור, אז דו ביסט געבוירן געווארן א איד איז אידישקייט פאר דיר א נחת רוח, א געשמאק, א גוי איז געבוירן געווארען צו זיין א גוי, איז זיין גוישקייט פאר איהם גוט, ווי אזוי זיין גוישקייט קוקט אים נאר אויס, און גוישקייט פאר א איד וועט קיינמאל נישט ארבעטן, פונקט אזוי ווי מיר פארשטייען אז א הונט קען נישט ווערן א אקס.

דער פראבלעם הייבט זיך, אן ווען מען וויל נישט אנערקענען וואס מען איז אליינס, נאר מען וויל זיין וואס א צווייטער איז, האב איך נייעס פאר ענק, הערטס מיך קלאר אויס, אז ערשט דארט הייבט זיך אן די פרעשור, ווייל דו ביסט פארט נישט באשאפען געווארען צו זיין ווי יענער, דו ביסט אינגאנצען נישט יענער, דו האסט גארנישט ווי איהם, דו הייסט נישט ווי איהם, דו קוקסט אפילו נישט אויס ווי יענער; דיין פראבלעם הייבט זיך יעצט אן ערנסט, ווייל דו ווילסט זיין אזוי ווי יענער, דו ווילסט געפעלן אזוי ווי יענער.

ביי די אומות העולם, איז אויך דא די משוגעת'ן, זיי הייבן זיך אן צו שניידן און זיך מאכן בעסער אויסקוקן אזוי ווי א צווייטער, עס גייט איהם נישט, ער פאלט דורך, זיי זענען קיינמאל נישט צופרידן מיט זיך, זיי ווילן כסדר אויסזעען ווי א צווייטען, זייער אסאך נישט נארמאלע גוים וועלכע קומען אן דורך דעם צו דראגס, און דערנאך קומען זיי אן אין תפיסה, זיי פרובירן אויס אלע משוגעת'ן, אלעס איז ווייל ער לעבט נאר כדי נאכצומאכן עפעס אנדערש, עס גייט איהם נישט, פארוואס ? ווייל ער איז פארט נישט יענער, ער איז נאר וואס ער קען זיין, דער רבוש"ע האט דיך באשאפען אנדערש, קיינער האט זיך נאכנישט פארשטעלט און פרובירט אויס צו קוקען ווי אן אקס, ווייל דו קענסט נישט, א אקס גייט אויף פיר, און דאס איז א בהמה, דו ביסט א מענטש, יא אמת די קענסט דיך אויפפירען ווי א אקס, אבער א בהמה איז א בהמה, און א מענטש איז א מענטש.

אז מען הייבט אן צו וועלן געפעלן פאר א צווייטן, וועלן אלעס נאר נאכמאכן, דארט איז דער שליסל פון די ריכטיגע פרעשור, דארט הייבט זיך אן די אלע אומבאקוועמליכקייטן, ער מיינט אז דאס איז זיס, עס קוקט איהם אויס גוט, ער כאפט ניטאמאל אז ער לעבט יעצט אונטער א "נישט נארמאלען פרעשור", ווייל ער איז נישט דער וואס יענער איז, ער קוקט נאך וואס יענער טוט, ער פרובירט צו געפעלן, ער פרובירט די זעלבע זאך צו מאכן, ער פרובירט צו לאכן ווען יענער לאכט, וכדומה, ער לעבט אזוי 24 שעה א טאג, דאס אז ער איז נישט יענער, דאס זענען הכל מודים, דאס זעהט דאך יעדערער, און דאס פארשטייט יעדערער, **נאר וואס מ'כאפט זיך נישט איז, אז ער האט יעצט אויך פארלוירען זיין ארגענעלקייט, וואס ער איז יא**, איז ער שוין אויך נישט, ווייל ער איז שוין נישט דער עכטער מענטש, ער איז א געפאפטער מענטש, ער הייבט אן נאכצומאכען יענעם, ביז דאס קראכט, און נאכדעם איז שוין ליידער אלעס פארפאלן.

אהובי ידידיי אלע חשובע בחורים הערט מיך גוט אויס, איר זאלט דאס שטענדיג געדענקען, אזוי לאנג וואס ער איז דער וואס ער איז, איז נישטא קיין פרעשור, נאר ווי באלד ער וויל איינעם נאכמאכן, ער וויל זיין נישט דער מענטש וואס ער איז, דארט איז דאס ערגסטע וואס קען זיין. (אגב עס שטייט טאקע אין די משנה **קנאת סופרים תרבה חכמה** דאס מיינט נישט יענם נאכמאכן, די משנה זאגט קלאהר, מיט **חכמה** - דאס מיינט זיך אויסלערנען פון יענעם א דרך אין עבדות ה', ווי אזוי מ'לערנט, ווי אזוי מ'ברעכט א שלעכטע מידה, און אזוי ווייטער.)

*******

יעצט אז מיר האבן שוין אביסל פארשטאנען וואס דאס מיינט **פרעשור** און וואס ס'מיינט **נישט פרעשור**, וואס עס מיינט א מענטש וואקסט וואס ער איז, וועלן מיר אויך אנהייבן צו פארשטיין וואס דאס מיינט **פרייהייט**, און וואס דאס מיינט **אונטערדרוקט**, נישט פרייהייט.

אונטערדרוקט איז טייטש אז עס קומט א מענטש, און זאגט מיר, **איך וויל נישט אז דו זאלסט פראקטאצירן דאס וואס "דו" ווילסט פראקטאצירן**, נאר איך וויל אז דו זאלסט פראקטאצירן דאס וואס **איך וויל**, דאס הייסט אז איך בין אונטערדרוקט אונטער א צווייטן, איך קען נישט טוהן וואס איך דארף צו טוהן אלס מיין פליכט, אלס מיינע זאכן, נאר איך דארף טוהן וואס יענער וויל, וואס יענעם שמעקט, דאס הייסט אונטערדרוקט, פארקערט פון פרייהייט, א תפיסה, ווייל אין א תפיסה הייסט מען אויך יענעם וואס צו טוהן, עס איז נישטא דארט די זאך אז דו זאלסט טוהן וואס דו דארפסט טוהן, און דאס איז ליידער א שווערע מחלה, דאס איז זייער א שווערע זאך אויף א מענטש.

יעצט לאמיר אריינגיין בעצם ענין פון כלל ישראל, פון ווען דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט זענען אידן דורכגעגאנגען זייער אסאך שווערע זאכן, מען איז דורך געגאנגען מלחמות, און אסאך אנדערע זאכן, איינס פון די זאכן - וואס דאס איז געווען א גרויסע זאך- איז געווען ביי אברהם אבינו, וואס דער רבוש"ע האט איהם געזאגט **ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם**, דאס איז טייטש אז די רבוש"ע האט געזאגט, איך גיי נעמען כלל ישראל, איך וועל זיי אויפארבעטן, איך וויל אז זיי זאלען אנערקענען וואס אידישקייט איז, איך גיי מיט זיי ארבעטן, זיי ווייזן אז יעצט גיין זיי זיין אין א פרעמד לאנד ווי מצרים, נישט וואס זיי דארפן דארט צו זיין, נאר כדי נישט צו האבן וואס זיי דארפן האבן, און ווען איך וויל זיי ארויס נעמען פון דארט, וועלן מיר אידישע קינדער פארשטיין אז דארט האבן מיר נישט באלאנגט, דארט זענען מיר נישט געווען דאס וואס מיר דארפן צו זיין, פון יעצט און ווייטער גייען מיר באלאנגען צו כלל ישראל, **כי לי בני ישראל**, דער רבוש"ע האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים, כדי אז מיר זאלן באלאנגן צו איהם, מיר דארפן צו טוהן וואס א איד דארף צו טיהן, און דאס גייט הייסן פרייהייט, **אין לך בן חורין אלא במי שעוסק בתורה**, ווייל פרייהייט איז אז איך קען יעצט טוהן וואס איך דארף צו טוהן. אפילו מיר זענען נאך אלטס אין דעם ביטער'ן גלות.

*******

יעצט לגבי די אומות העולם, די גאנצע איבערקערעניש וואס טוט זיך אין מצרים, די אלע וועלכע פארלאנגען כסדר פרייהייט, יעדער מענטש האט טאקע אין זיך אזא זאך וואס ער וויל זיין, און וויל פראקטאצירן, וואס זיינע הרגשים זענען, אין די אלע לענדער לאזט מען נישט דעם מענטש ארויס געבן וואס ער איז, ווי למשל אויב א מענטש א גוי האט איינגעזעהן אין א געוויסע גלויבונג אז דאס איז פאר איהם, זייער גוט, אבער טאמער איז ער אין די לאנד דארט ווי עס טוט זיך יעצט א איבערקערעניש, איז ער אונטערדרוקט, מען לאזט איהם נישט פראקטאצירן זיין גלויבונג, זיי ווילן אז ער זאל דווקא גלייבן אין עפעס א אנדערע שגעון, אבער מיט וואס ער וויל, מיט די זאך איז ער אונטערדרוקט, ער האט כסדר מורא, צו מען וועט איהם שטראפן, אדער מען וועט איהם איינשפארן אין תפיסה, פאר'ן נישט פראקטאצירן דאס גלויבינג וואס די רעגירונג טוט ארויף לייגען אויף עם.

מיר אידישע קינדער גלייבן אין השגחה פרטית, אז אלעס פירט זיך דווקא יעצט פאר פסח, און די אלע זאכן קומען פאר יעצט, פאר מען גייט אויסלייזען די אידן פון גלות, מיט די אלע איבערקערענישן אין די וועלט וויל דער רבוש"ע ווייזן פאר די אידן, וואס ער וויל פון אונז האבן, יעדער איינער זאל ארויס קריכען פון זיין געפענגעניש, זיין געפענגעניש איז אז ער פרובירט צו געפעלען אלץ פאר א צווייטן, ער פרובירט נאכצומאכן א צווייטן, ער וויל נישט זיין באמת וואס ער איז, דו ביסט א אידיש קינד, דו דארפסט דאווענען, דו ביסט אפשר ליידער נישט טועם א טעם אין דאווענען, אדער א געשמאק אין לערנען, דארפסטו בכל כוחך דאס פארעכטן, דו דארף זעהן ווי אזוי מען קען דיר ארויס העלפן, ווי אזוי מען שפירט א טעם אין דאווענען, אריין קלערן מיט א הכרה פארוואס מ'דארף דאווענען, וואס געשעט ווען מיר דאווענען, אזוי ארום אז דו וועסט אין דעם אריינטראכטן מער און מער וועסטו האבען א שטארקן טעם דערין.

*******

די זעלבע זאך איז וואס מיר האבן שוין אמאל געשמועסט דערוועגן, וואס מיינט **ואהבת את ה' אלוקיך**, די תורה הק' פארלאנגט זאלסט ליב האבן דעם הייליגען באשעפער, וואס הייסט מיר זאלן ליב האבן די רבוש"ע, מיר ווייסן דאך נישט וואס דאס איז. זאגט דער רמב"ם אז עס איז א מורא'דיגע קשיא, נאר לערען, דאווען, ווער געוואויר וואס דער רבוש"ע איז, וואס דער רבש"ע טוט פאר דיר, אזוי וועסטו שוין וויסן, וואס דו דארפסט

טוהן פאר'ן רבש"ע, ממילא ווערסטו איהם ליב האבן.

מען קומט אן אין א נייע ישיבה, מען טרעפט חבירים, איינער האט ליב זיין חבר, ווי אזוי האט ער איהם ליב? ער האט זיך געדרייט מיט איהם, ער האט גערעדט מיט איהם, ער האט געזעהן וואסערע מידות ער האט, ער האט געזעהן וואסערע מענטש ער איז, ער האט געזעהן וואסערע געשמאקער בחור ער איז, ער שמייכלט, ער האט א טעם, אזוי ארום ווערט ער זיין חבר, מען קען נישט פלוצלינג ווערען איינעמ'ס חבר, ווען מיר ווייסן נישט ווער ער איז, מען דארף קודם זיך אונטערסירן ווער עס איז, גייט דאס נאטירלעך. אזוי אויך ממש די זעלבע, מען טוט זיך אריינלייגען דערין, וואס דער רבש"ע טוט פאר מיר, ווי אזוי ער האט בכלל באשאפן א וועלט, ער האט באשאפן יעדע זאך, נאר צו איהם קען איך אנקומען, ער געט מיר די אלע זאכען, אלעס טוט דער רבוש"ע, אז ער טראכט נישט דערין, א וודאי ווייסט ער נישט וואס לערנען איז, וואס א דאווענען איז, וואס איז מידות, ער ווייסט גארנישט, ממילא וויל ער וואקסן ווי א צווייטער.

די אלע פרייע חברה וואס מען זעהט אויף די גאס, די ליידיגע יונגן, וואס זיי האבען טאקע אלע מיני כלים ביי זיך אין טאש, אויסענווייניג איז ער אזוי פרייליך, זיי לעבן אבער מיט גרויס פרעשור!! ווייל איין טאג דארף ער געפעלן פאר עפעס א **חברה מאן** דארט, און מארגען וויל ער זיין ווי א צווייטער, בקיצור ער וויל נישט זיין ער; ער מיינט טאקע אז ער איז פרייליך, אבער עס וועט אבער קומען איין טאג וואס ער וועט שוין האבן אלעס פרובירט, און ער וועט נאך נאכאלץ נישט זיין צופרידן, ווייל ער קען נישט ווערן צופרידן, ווייל מ'קען נישט זיין א איד און אויך א גוי, עס קען נישט געשען, אפילו ער וועט ארבעטן זייער שווער, עס קען זיין אז ער וועט שוין ליידער אזוי שטארבן, ער וועט זיין נערוועז, ער וועט זיין א מענטש וואס ער איז קיינמאל נישט באמת געווען, און דאס איז באמת פרעשור, דאס אלס וואס מ'זעהט אויף די גאס, די לעבעדיגע חברה, דאס איז א סימבאל פון אמת'דיגע פרעשור, באמת אונטערדרוקט, ווייל ער איז קיינמאל נישט פארטיג, ער וויל די גאנצע צייט מיט עפעס אנדרעש אויף קומען, אדער נאכגיין, היינט זיך אנטאָן אזוי, מארגן עפעס אנדערש, ער איז קיינמאל נישט צופרידן, ער קוקט א גאנצע צייט אין שפיגל, ער מאכט זיכער אז ער שמעקט גוט, ער גייט נאכאמאל אין שויער, ווייל ער לעבט אונטער א כסדר'דיגע פרעשור פון איינעם צו געפעלען, ער האט נאכנישט געטראפען דעם ריכטיגן מענטש, פון וועמען ער וועט באמת הערן א קאמפלעמענט, יענער כאפט פשוט נישט אז ער דארף איהם געבן א קאמפלעמענט, ער האט נעבעך אפגעמאכט ביי זיך אז היינט קוקט ער אויס מורא'דיג גוט, און ער רעגט זיך, אז קיינער פון זיינע אזוי גערופענע גוטע פריינט טוען עם נישט אנערקענען, מארגן קויפט ער א טייערע זאך, ער געט אויס געלט, ער ווערט נישט פארטיג. אבער ווער עס לעבט רואיג, און ער פאנגט אן צו אנערקענען ווער ער איז, און וואס ער דארף צושטעלן צו דעם, דער לעבט באמת א גוט רואהיג לעבן, ער האט קיינמאל נישט קיין פרעשור.

מיר האבן אלע געהערט א שיעור פון הרב ר' עזריאל טויבער שליט"א, האט ער נאך געזאגט וואס שטייט אין מסילת ישרים, אז דער רבוש"ע האט באשאפן א מענטש אויף די וועלט פאר הנאה, **האדם לא נברא אלא להתענג על ה'** דער מענטש דארף הנאה האבען פון דער וועלט, איז דא א וועג ווי יעדער מענטש קען הנאה האבען, א איד דארף הנאה האבען אלס איד, און א גוי דארף הנאה האבן אלס גוי, א בהמה דארף הנאה האבן אלס בהמה, יעדער איינער האט זיך זיין הנאה, דו קענסט נישט געבען א הנאה פון א מענטש פאר א בהמה, ער ווייסט נישט וואס דו ווילסט, מ'קען נישט נעמען א הנאה פון א גוי, און עס געבן פאר א איד, אוודאי איז דא אזא רייץ וואס דער רבוש"ע האט אריינגעלייגט, אז אלטס מיינט מען אז ביי יענעם איז גאלד און גרין, מען וויל געפעלן, מען האלט אז דער גוי מאכט מער א לעבן, מען וויל נאכמאכן אלע זיינע שטותים, און אלע זיינע שקאצעריי, עס איז נאר א חלום, און דאס איז אונזער ארבעט, ארויס צו קריכן פון דעם חלום.

ווי אויך האט מען עס געהערט פון הרב ר' יחזקאל ווייס שליט"א, ווי ער האט דאס מער מסביר געווען באריכות, וואס הייסט א מענטש לעבט אין א חלום, ער קומט אין ערגעץ נישט אן, עס איז נישט א זאך במציאות, ממילא ווערט ער נישט פארטיג. מיר דארפן דאס איינמאל פאר אלעמאל אנהייבן צו אנערקענען, און לעבן מיט דעם, ווייל דאס וויל דער רבוש"ע פון אונז, דאס איז אונזער תפקיד, מיר זענען אידישע קינדער, דער רבוש"ע האט אונז געגעבן א תורה מיט מצוות, נישט אלס פרעשור נאר אלס עצות טובות, ווי אזוי מיר זאלן זיך פירן אלטס א אידיש פאלק, ווי אזוי מיר זאלן קוקען אויף די וועלט.

ווי באלד מיר לעבן זייער א אמת'דיגן לעבן, האט אונז דער גוי מורא'דיג פיינט, כאטשיג ער איז באשאפן געווארן אלס א גוי, ער ווייסט אויך אז ער לעבט, ער שטייט אויף, ער שלאפט, און עסט, ס'איז אבער כמעט די זעלבע זאך ווי א בהמה, איין חילוק איז דא דער גוי איז אויף 2 פיס, און א בהמה איז אויף 4 פיס, ער ווייסט אז א איד'ס גלייבן איז א אמת'דיגע גלייבן, זיין טראכטן איז א אמת'דיגע טראכטן, זיי ווייסן אז אידן טראכטן. ווי עס דארף צו זיין, זיי רופן עס א **אידישע קאפ**, זיי רעדן כסדר דערפון, איי פארוואס ווערט ער נישט א איד, ווייל דער רבוש"ע האט באשאפען 70 פעלקער, ווייל עס איז דא א תפקיד פאר די 70 פעלקער וואס זיי דארפען טוהן, און וואס דער איד דארף צו טוהן, אויב דער גוי ווערט נישט א איד, מיינט נישט אז ער איז משוגע, אז ער האט פיינט א איד, ווייל ער קען עם נישט פארנעמען, אז יענער איז דער וואס איז אויסגעקליבן געווארן אלס א עם סגולה געגוי ווי מיר קענען היינט נישט פארנעמען ווען איינער ווערט אויסגעקליבן אדער אויסדערוועלט אלס א העכערע פערזאן, ווייל ווי אזוי האט דאס יענער געמאכט, און פארוואס דווקא ער, יעדער זאך וואס איינער איז העכער פונעם אנדער'ן איז דא א אזא זאך ווי קנאה ושנאה, וואס יענער קען עס נישט פארנעמען, דער גוי האט נישט קיין מידות, ממילא איז ער גרייט צו הארגנען, אפילו ער קומט נישט אן דערמיט אין ערגץ, אבער ער איז עס גרייט צו טוהן, ווייל ער קען נישט טרעפען אין זיך קיין אנדרען וועג ווי אזוי זיך צו בארואיגן.

א איד דארף וויסן וואס זיין תפקיד איז, און זיין פרייליך דערמיט, זיך פרייען, הנאה האבן אלס איד, מיט וואס ער דארף טוהן. וועגן דעם האט מען אויך ביי אונז איינגעפירט, אז נאך א זמן, אדער נאך א סיום פון א דבר טוב, פארט מען אויף א **אויספלאג**. עס איז נישט קיין שום עבירה, דער רבוש"ע וויל דאס, דאס איז וואס מיר דארפן צו טוהן, זיך פרייען אז מען האט עס געטוהן מיט א תפקיד מיט א שלימות צום ענין, אזוי ווי מיר גרייטן זיך צום יו"ט פסח, און דער רבוש"ע האט גענומען דעם אידישע פאלק, און זיי אריינגעלייגט אין מצרים, אויסצולערנען אז מען גייט אנקומען צו דעם בארג סיני כדי עס זאל זיין **תעבדון אלוקים את ההר הזה.**

מען דארף וויסן און פארשטיין וואס אונזער תפקיד איז. מיר זענען געווען אין מצרים האט מען די עיקר געטוהן מיט אונז אז מען האט אונז אונטערדרוקט, אז מיר זאלען נישט זיין ווער מיר זענען באמת, זיי האבן געארבעט מיט אונז, אז מיר זאלן נאר טוען פארקערט וואס מיר זענען, און אונזער שטארקייט איז געווען א גאנצע צייט, אז מיר האבען זיך געהאלטען, מיט שם, לשון, מלבוש, מיר האבען די גאנצע צייט נישט געוואלט אויפגעבען ווער מיר זענען באמת, דאס האט אונז א גאנצע צייט מער אין מער אונטערדרוקט, דאס איז געווען דער שרעקליכע גלות ווען מיר זענען געווען אין מצרים, נישט ווייל מען האט אונז געהייסען ארבעטען אדער בויען בנינים, און מען האט דאס נאכדעם צונומען, נאר אונזער אייגענע שכל האט מען גענומען און מען האט עס געמאכט נישט טראכטענדיג, אז מיר זאלן דווקא טראכטן וואס מיר ווילן נישט, ממילא דאס איז געווען די שווערע גלות וואס מיר האבען געהאט, אוודאי האט אונז דער רבוש"ע צוגעזאגט אז מיר גייען ארבעטען 400 יאר, און מיר האבן דאס בחסדי ה' משלים געווען אין 210 יאר, ווייל מיר האבן שוין דאס ארויסגעהאט מיט אונזער **הכרה**, מיר האבן שוין באמת געשפירט וואס דאס מיינט, אז מען נעמט אונז מען צוברעקלט אונז, אז מיר זענען ליידער נישט, וואס מיר דארפען צו זיין, האט דער רבוש"ע געטוהן מיט אונז א מורא'דיגע חסד מיט אונז אידישע קינדער, ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, ער האט אונז ארויפגעברענגט צום בארג סיני, און אונז געגעבען די תורה הק', ער האט אונז אויפגעהויבן העכער פון אלע פעלקער, און געזאגט הויעך, קוק גוט ווער דו ביסט, א איד!! דו גייסט לעבן פון יעצט און ווייטער א אידיש לעבן, דאס גייט זיין דיין הנאה, אז דו וועסט טוהן וואס דער רבוש"ע וויל, דעמאלטס וועסטו הנאה האבן, דאס איז פרייהייט, יעצט קענסטו דיך אויסגעבן, און פארלאנגן צו וואס דו ביסט, וועסט קענען לערנען און דאווענען רואהיג.

כלל ישראל האט דורך געלעבט זייער שווערע צייטן, וואס איז אלס געווען דער חלק הגלות וואס מען האט אונז נישט געלאזט פראקטאצירן ווער מיר זענען, דאס איז א געפערליכע געפייניגטע זאך, דאס איז באמת פרעשור, דאס איז גלות, יעצט ווען מיר זענען ארויס פון מצרים האט מען אונז געגעבען פרייהייט. דאס איז - להבדיל אלף אלפי הבדלות - וואס מען פארלאנגט היינט, און די אלע פעלקער פארלאנגען פרייהייט, ווייל דער רבוש"ע האט יעצט געמאכט אזא רושם, כדי יעדער איד זאל טראכטן ביי זיך, אויב אז דער גוי פארלאנגט פרייהייט ווי איז מיין פרייהייט, פארוואס בין איך אליין אונטערדרוקט, איך האלט און איין נישט וועלן טראכטן וואס איך בין. עס מיינט נישט אז ווייל דו האסט געוויסע פראבלעמען געהאט, צו ווייל דיין טאטע איז געווען שולדיג, אדער דיין מאמע איז שולדיג, אדער דער רבי איז שולדיג, אדער די חבירים, און דו האסט געהאט פארשידענע פראבלעמען, זאל דאס טוישן אינגאנצן דער עצם מציאות, פארקערט! עס איז געווען פראבלעמען וואס מען דארף עס שטעלן אין פלאץ, אדרבה נעם דיר איינעם מיט וועם דו זאלסט זיך קענען גוט אויסשמועסן, און מאכן א סך הכל וואס דיין עבר איז, און וואס דיין עתיד דארף צו זיין, ווי אזוי מען קען דאס מאכן פאר א מציאות, אוי וועסטו זיין אין זיבעטן הימל, דו גייסט זיין אזוי פרייליך, אז דו גייסט קענען זיין ווער דו ביסט באמת. און דאס דארף יעדער איד וויסן, אז איך גיי אין די ישיבה, נישט נאר ווייל איך בין א אידיש קינד, און ווייל קיינער דרייט זיך נישט אויף די גאס דארף איך אויך זיין אין ישיבה, ניין, איך גיי אין די ישיבה ווייל איך דארף פראקטאצירן ווער איך בין, און וואס איך בין, דארף איך קענען ארבעטן אויף מיר.

יעצט ווען מען זעצט זיך פסח ביינאכט צום סדר, און מען זאגט **חייב אדם לראות את עצמו כאילו יצא ממצרים**, דארף מען שפירן, אז מיר זענען היינט ארויס פון מצרים, מיר האבן ביז היינט געלעבט אין א מורא'דיגען געפענגעניש, מיר האבן **זיך אליין** געפאפט, און געפאפט יענעם, מיר האבן פראבירט זיך צו געפעלען פאר א צווייטען, מיר האבן זיך אליין נישט באמת אנגעקוקט, מיר האבן געמיינט אז יענס קוקט אויס גוט, איך וועל מיך אנטוהן אזא הויזן, איך וועל  מיר מאכן אזא סטייל פאר די האר, אין אזא סטייל פאר די

בארד רח"ל, מיר האבן נאר געוואלט זיין א צווייטער, דער רבש"ע וויל נישט דאס, דער רבש"ע וויל אז מיר זאלן זיך אראפזעצן פסח אויף דער נאכט אויף דעם באקוועמן היסב בעט, און מיר זאלן זיך באמת שפירן זייער רואהיג; מען זאל נעמען די חמץ, וואס דאס איז א אויפגעבלאזענע זאך, און דאס ארויס ווארפען פון זיך, מיר זאלן וויסן, אז אלעס ווי אזוי מיר האבן געלעבט ביז יעצט, איז געווען א אויפגעבלאזענע זאך, מיר האבן באמת אינגאנצן נישט געלעבט ביז יעצט.

קוק אן ווי אזוי מיר מאכן מצה, מ'נעמט א שטיקעל טייג, אזוי ווי עס איז, מען טוט דאס גוט אויסגעוועלגערן און אריין אין אויוועו. אזוי איז דער איד באמת, א מצה!! און דאס דארף מען עסן פסח, נעמען דעם חמץ און מעביר זיין, מעביר זיין דעם גאנצען חמץ פון זיך, און אזוי אויך די אלע זאכן וואס מען בלאזט פון זיך כסדר, ווי כעס, יעדער איז שולדיג, מיר זענען קיינמאל נישט צופרידן, דער האט מיך געפייניגט, אדער דער צווייטער האט מיך געפייניגט, (אינטערסאנט מען קען כמ"פ זעהן בחורים וואס זיי האבען דא געלערנט אין ישיבה, מען האט זיי געגעבן כל טוב וטוב, מען האט זיי אויסגעהערט, מען האט פאר זיי אוועקגעגעבן צייט, און ער איז קיינמאל נישט צופרידן, דער סיבה דערצו איז ווייל ער האט קיינמאל נישט אויסגעזאגט ווער ער איז באמת, ער האט אלץ געוואלט עפעס אנדערש, צום סוף זאגט ער, דער האט מיך געטשעפעט דער האט מיך געפאניגט, פאר א אזא איינעם, זאגט מען, וועסט ממילא בלייבען טאג אין נאכט שולדיג, די גאנצער שטאט וועט זיין כסדר שולדיג פאר דיר, יעדער וועט זיין שולדיג, ווייל דו פאפסט דיך אליינס.) אבער דאס איז נישט באמת ווער דו ביסט, ממילא דאס איז אונזער תפקיד פסח ביינאכט, דאס האט דער רבוש"ע געוואלט פון אונז. יעדער איינער דארף זיצען פסח ביינאכט און זיך נאכאמאל חזר'ן, און נאכאמאל גוט אריין טראכטן, ווער בין איך, וואס איז מיין תפקיד, איך בין געבוירן געווארן אין דער הויז, די און די נסיון, לאמיר זעהן וואס דער רבוש"ע וויל פון מיר האבן, ווי אזוי זאל איך מיך שטארקן דעריין, ווי אזוי זאל איך נעמען א מהלך דעריין, און טאמער ווייס מען נישט זאל מען פרעגן, עס איז גארנישט שלעכט, למשל ווען איך פאר מיט א קאר און איך פרעג יעדען צווייטען א מהלך ווי אזוי מ'קומט אן, הייס איך נישט קיין פערד פארן פרעגן, איך וויל ערגעץ אנקומען, ממילא איז דאס פרעגן זייער א נארמאלע זאך.

אז מען זאגט פאר א ראש ישיבה, א מגיד שיעור, צו ווער נאר עס איז, איך בין ליידער דורך געפאלן, ביז היינט האב איך דאס נישט גוט געטוהן, ווי אזוי זעה איך מיך ארויס פון דעם פלאנטער, ווי אזוי שטעל איך מיך אויף די פיס, איך וויל ווערן א נארמאלע אנערקענטע מענטש, פאר מיר אליין, ווי אזוי הער איך אויף מיך אליין צו פאפען, דאס איז אונזער ציל.

ממילא האט דער רבוש"ע געוואלט ווייזן פסח ביינאכט, **אשר פסח על בתי בני ישראל**, ער האט געוואלט זעהן בלוט, וואס איז דאס בלוט, בלוט איז מסירת נפש, מען נעמט פון זיך בלוט אין מען שמירט עס אויף די שוועל און דאס שרייט ארויס פאר יעדען איינעם, דא וואוין איך, איך בין א איד, מען שטעלט זיך ארויס דערמיט, איך בין שטאלטץ צו זיין א איד, מיט תורה אין מצוות, איך וויל נישט קיינעם אפנארן, דאס בין איך, דער רבוש"ע האט געוויסט ווי עס וואוינט א איד, די רבוש"ע האט נישט געדארפט קיין אנווייזינגן, עס שטייט פון הייליגן ר' ר' זושא זי"ע **אשר פסח על בתי ישראל** מיינט, דאס וואס מיר זינגן ביי משתה יין סעודה, דער רבוש"ע כביכול האט געטאנצן אויף יעדע הויז וואס עס איז געווען בלוט, און געזינגען, **דא וואוינט א איד, דא וואוינט א איד**, אזוי האבען די צדיקים געזינגען, דא וואוינט א איד, דער רבוש"ע האט זיך געפרייט אז דא וואוינט א איד, ער געט ארויס זיין געשטאלט באמת, דא וואוינט א איד, ער איז שטאלץ צו זיין א איד, און נישט אלעס הייסט ביי איהם פרעשור, ווייל ער ווייסט וואס זיין תפקיד איז, איז עס נישט קיין פרעשור, אוודאי אז ער איז א איד און ער וויל רח"ל וואוינען און לעבן ווי א גוי, האט ער א גאנצע צייט א פרעשור, יעצט מוז מען גיין דאווענען, יעצט מוז מען אויפשטיין, איך מוז ליינען ק"ש, איך מוז אהער איך מוז אהין, וואס הייסט דו מוזט, דאס ביסטו, אויב דו ווילסט זיין א צווייטער, מיזטו געפעלען עפעס אנדערש, ביסט די גאנצע צייט אונטער פרעשור.

מען זעהט טאקע אז די אלע זאכען מאכט דער רבוש"ע דווקא פאר פסח, המן האט מען געהאנגען פסח, עס איז געשען א צאנאמי, דער רבוש"ע וויל ווייזן וואס פאר א כח ער האט, ער קען טוהן, אפילו מיט וואסער קען ער אפווישען גאנצע שטעט. אזוי דארפן מיר אויך פארשטיין וואס עס מיינט קריעת ים סוף, ווען ער האט געשפאלטן דעם ים, און צוויי מויערן האבען זיך אויפגעהויבן, ווען אידישע קינדער זענען דארט דורכגעגאנגן, איין רגע דערויף ווען די ערשטער מצרי האט איבערגעטרויטן דעם ים סוף, איז אלעס געווארען צוריק וואסער, און עס איז געווארען פארשוועמט די גאנצע זאך. אזוי אויך דארפן מיר גלייבן און פארשטיין אז די רבוש"ע וויל אז מ'זאל וויסן קלאהר אז ער טוט אלעס, און ער פירט די וועלט און אלעס ארום, צו עהם דארפן מיר כסדר רעדן, צו עהם דארפן מיר זיך כסדר ווענדן, נישט חלילה האבן טענות אויף די גאנצע וועלט. איך האף טייערע בחורים, אז איר האט זייער קלאר פארשטאנען, אויב נישט איר קענט מיר איבער פרעגן און מיר וועלן דאס איבערשמוסען.

יעצט וועלן מיר פארשטיין דער גאנצע איבערקערעניש וואס מיר רוימען אזוי שטארק פאר פסח, ווייל יעדער ביי זיך דארף זיך גוט נאך רוימען אין זיין אייגענעם גוף, מען דארף זיך גוט איבערקוקן צו בין איך אמת'דיג אדער חלילה פאלטש, און גוט אריינטראכטן צו מיין איך עס אמת'דיג, צו מיין איך עס נישט אמת'דיג, צו וויל איך באמת וואקסען און שטייגען, ווער בין איך, און וועם וויל איך ארויף קוקן, דעמאלטס איז אויס מיט אלע פרעשור, אראפ מיט אלע איבעריגע דאגות, מען לעבט זייער רואיג, מ'האט הנאה אז מען גייט דאווענען, ווייל דאס וויל איך באמת, איך בין א איד, איך דאווען ווייל די רבוש"ע וויל אז איך זאל דאווענען צו עם, מ'האט געליינט ק"ש אינדערפרי, דארף מען וויסן איך האב געטוהן א מורא'דיגע זאך, איך האב געליינט ק"ש ווייל דאס איז ווער איך בין, ממילא איז מען זייער פרייליך און צופרידן, מען איז זייער רואיג, און יעדע שווערעקייט וואס עס מאכט זיך, מען איז ליידער דורך געפאלן, איז נאכנישט עק וועלט, מען קען פרעגן פאר הילף, עס איז דא עצות פאר די אלע זאכן, מען קען זיך שטעלן אויף די פיס, אזוי לעבט מען זייער א רואיג לעבן. זאל ענק דער רבוש"ע בענטשען, אין געבן פאר יעדער איינעם אלץ וואס עטץ דארפטס, מען זאל אויסנוצען די טעג ווי אזוי מען דארף.

די רביצין זאל זיין געזונט האט געבעטן, אז זי וויל מ'זאל איבער געבען פאר די חשובע בחורים שיחיו אין איר נאמען, אזוי עס האט זיך ב"ה אויסגעארבעט די פאריגע מאל, ביי די ווילדע מוזיק, און ב"ה אז די חשובע בחורים האבן דאס אנגענומען זייער ערנסט, וויל זי בעטן יעצט, אז סיי וועלעכע בחור וואס וועט איר ברענגען נאך בין הזמנים א צעטיל, וואס ער האט זיך אליין אפגעשריבן, וויפיל שעה ער האט באמת ארויסגעהאלפען זיינע עלטערן פאר פסח, און וויפיל שעה ער האט אוועק געגעבען צו לערנען און צו דאווענען, אנצופילן דעם טאג ווי עס דארף צו זיין, וועט די רביצין געבן א ספעציעלע מתנה וואס דער בחור וועט הנאה האבן. איך האלט זייער שטארק דערפון עס איז א געוואלדיגע זאך, ס'איז א שטארקע זאך.

אזוי ווי דער רביצין זאל זיין האט געזאגט אז זי וויל געבען א מתנה פאר די בחורים וואס שטעלן זיך צו, און העלפן כסדר די חשובע עלטערן פאר פסח, מיט די קינדער מיט די ברידער און די געשוויסטער, מען לערנט און מען פארברענגט די צייט ווי עס דארף צו זיין, און נישט מען פארקויפט פאר די עלטערן שטותים. יעדער זאל וויסען ביי זיך אמת'דיג וואס מען דארף צו זיין, און וואס וויל דער רבוש"ע פון אונז, אז מען זעצט זיך אראפ פסח ביינאכט צום סדר, דעמאלטס פארשטייט מען. קיין חמץ איז נישט דא, מען טאר נישט עסן חמץ, מען עסט מצה, מען דארף אכטונג געבן, מען זיצט אויף די היסב בעט, ס'איז א זמן חרותינו, יעצט איז מען מער נישט צומישט, מען איז נאר צומישט ווען מען טראכט נישט, יעצט אז מען טראכט אריין וואס דער פסח איז, זעהט מען ממש עין בעין אז יא! מיר זענען באמת געווען יעצט אין מצרים, עס מיינט נישט דווקא אז איך מוז יעצט נעמען א קאר אהין פארען און ארויס גיין פון דארט, מיר זיצען דא אין אינדערהיים און מיר גייען ארויס פון אונזער אייגענע מצרים, וואס מיר זענען פארפלאנטערט, אזוי וועט דער רבוש"ע הנאה האבן פון אונז. אזוי זאל אונז דער רבוש"ע בענטשען, און ארויס נעמען טאקע אין חודש ניסן, און אונז ווייזען אז ער האט ליב די אידישע קינדער, און מיר זאלן שוין ווערען אויסגעלייזט, און דעמאלטס וועלן מיר זיין די ריכטיגע עם ישראל, עס וועט זיין א קידוש שם שמים פאר די גאנצע וועלט.

בחורים טייערע זייטס ענק מחזק, און טאמער ווילט עטץ הערען נאך א שמועס, וועלן מיר בעזר השם רעדן נאך א שמועס, זייטס ענק מחזק מיט לערנען, יעדער זאל איינהאלטען זיינע שעות רצופות, וואס מען האט געמאכט, צו עס איז תהילים זאגען, לערנען, דאווענען, אזוי ווען מען קומט צוריק די קומענדיגן זמן, זאל מען צוריק קומען מיט א שאופה און אמת'דיג לערנען מיט א ריכטיגע ציל וואס מען וויל לערנען.

איך ווינטש אן פאר יעדעם איינעם הצלחה, און סייעתא דשמיא, יעדער איינער וואס ער טוט זאל האבען א גוטען טאג, די איינצעגסטע זאך איז, נישט לעבען פאלטש, נאר לעבען אמת'דיג, יעדער איינער זאל לערנען ווער ער איז, מען זאל לעבען מיט א אמת'דיגקייט, ווער ער איז, וואס ער איז, אזוי זאל ער וואקסען און שטייגען, האבען א שמחת החיים באמת, לערנען מיט א ציל, עס זאל איהם אייביג גוט זיין, ער זאל האבען אך טוב וחסד פון אלעם גוטען, די אלע וואס דארפען געהאלפען ווערען מיט זוויגים זאלען געהאלפען ווערען בעתו ובזמנו, אין די ריכטיגע מינוט, אין די ריכטיגע צייט, און אזוי וועט ער זיין באמת בשמחה.

יעדער זאל ארויסהעלפען אין שטוב, מען זאל אויסניצען די פסח'דיגע טעג, די בין הזמנים ווי עס דארף צו זיין, עס זאל נישט זיין אזוי פרעשור'דיג, עס זאל נישט זיין אזוי אנגעצויגען, פסח איז טייטש שפרינגען, מיר קענען יעצט איבער שפרינגען אלע שווערעקייטן, און אנהייבען פון דאס נייע, מען ווייסט וואס מען דארף צו טוהן, מען ווייסט ווי אזוי די טאג דארף אויסצוקוקען, מען דארף אויספילען די טעג, זאלט עטץ אלע זיין געבענטשט, און לעכטיג, און וואויל, געזינטערהייט, א חג כשר ושמח מיט אלעם גוטען, בשורות טובת, א שנת גאולה וישועה, מיר זאלן שוין אלע בקרוב אויסגעלייזט ווערן און נאך זוכה זיין צו מקריב זיין דעם קרבן פסח  דעם יאהר צו זאמען מיט אונזער גרויסן הייליגן רבי'ן זאל געזונט זיין בראש, אמן כן יהי רצון, א גוט יום טוב.

# ספורים לחג הפסח

## פסח איז נאך א טאג

דער הייליגער צדיק, דער נודע ביהודא זי"ע, וואס איז געווען רב אין די שטאט פראג, האט אמאל געטראפען א קליינער שייגעץ אין גאס, ווי ער וויינט. דער נודע ביהודא איז צוגעגאנגען און געפרעגט: "פארוואס וויינסטו?" האט דער שייגיץ געענפערט, און אנגעהויבען דערציילען זיין ווייטאג: "מיין טאטע און מאמע זענען געשטארבען, און איך וואוין ביי מיין פעטער. ער איז זייער א שלעכטע מענטש. ער איז א בעקער, און יעדן טאג שיקט ער מיר ארויס מיט א קוישעל ברויט. איך מוז פארקויפען אלע ברויט, און אהיימברענגען די גאנצע געלט. טאמער איך קום אהיים מיט ווייניגער געלט, שלאגט ער מיר מיט געפערליכע, אכזריות'דיגע קלעפ. היינט האב איך שוין פארקויפט דעם גאנצען קויש. אזוי ווי איך בין געווען גרייט אהיים צוגיין, האב איך אריינגעלייגט מיין האנט אין טאש, און דער געלט איז נישט דא. מן הסתם האט דאס איינער גע'גנב'עט. יעצט האב איך מורא אהיימצוקומען". דער נודע ביהודא האט איהם בארואיגט. ער האט איהם אהיימגענומען און געגעבען די גאנצע געלט. דער קליינער גוי, האט איהם זייער באדאנקט, און ער איז אהיים געגאנגען. עס איז חול המועד פסח, און דער נודע ביהודא זיצט ביי זיך אין זיין ספרים שטוב. פלוצלינג הערט ער א קלאפ אין טיר.

ווען ער איז צוגעגאנגען האט ער געזעהן ווי עס שטייט פאר איהם א גרויסער גוי. דער גוי האט איהם געזאגט: "ביטע לאז מיר אריין. איך דארף דיר איבערגעבען זייער א וויכטיגע זאך".

אזוי ווי דער גוי איז אריין, האט ער אנגעהויבען דערציילען: "דו דערקענסט מיר מן הסתם נישט. איך בין דער גוי וואס דו האסט מיט יאהרען צוריק געראטעוועט פון די רציחות'דיגע הענט פון מיין פעטער. דו האסט מיר געגעבען די געלט וואס איך האב פארלוירען. יעצט בין איך געקומען אפצאלען פאר די טובה. איר זאלט וויסען אז מיין פעטער גרייט זיך יעצט אויסצו'הרג'נען אלען יודען פון די שטאט פראג. א טאג נאך פסח קויפען דאך אלע יודען ברויט פון א גוי. אזוי ווי מיין פעטער איז דער בעקער פון דעם שטאט, פלאנירט ער אריינצולייגען סם אין אלע ברויט. אזוי וועט ער אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאט פראג אין איין טאג. דער נודע ביהודא האט איהם זייער שטארק באדאנקט, און דער גוי איז אהיימגעגאנגען.

עס איז אחרון של פסח, און אין דעם גרויסען שוהל פון פראג האט מען שוין געענדיגט דאווענען. דער גבאי האט געגעבען א קלאפ אויפן בימה און געזאגט: "דער רב האט געהייסען אויסרופען אז היינט נאכמיטאג גייט זיין זייער א וויכטיגע דרשה, און קיינער זאל נישט פעלען".

נאכמיטאג איז דער שוהל געווען פיל. יעדער האט זיך שוין זייער שטארק געוואונדערט וואס דער רב גייט זאגען. דער רב איז ארויף און אנגעהויבען רעדען: "רבותי, עס איז געשעהן זייער א גרויסע טעות ווען איך האב מסדר געווען דעם לוח פון דעם יאהר. איך האב באמערקט אז איך האב מיך פארעכענט. פסח האט זיך באמת געדארפט אנהייבען א טאג שפעטער. יעצט איז שביעי של פסח, און מארגען איז אחרון של פסח. יעדער זאל מארגען קומען אין שוהל, און חס ושלום נישט איינקויפען קיין חמץ ביז מארגען אווענט.

דער נעקסטער טאג, שטייען שוין אלע וועגעלעך מיט ברויט אין דער גרויסע גאס פון פראג. ווי ערשטווינט איז דער רשע, דער בעקער געווען, ווי קיינער קויפט נישט קיין ברויט. אלע יודען זענען אנגעטוהן מיט יום טוב קליידער און זיי גייען אין שוהל.

מעןווארט אז דער רב זאל אריינקומען, כדי אז מען זאל קענען אנהייבען דאווענען. עס גייט אדורך א שעה, אבער דער רב איז נאך אלץ נישט דא. "קוק ארויס" רופט זיך אהן איינער צום צווייטען. אינדרויסען זעהט מען ווי דער רב שטייט, און ער רעדט צו די פאליציי. אויך האבען זיי געזעהן ווי מען קייטעלט איין דער בעקער און מען פירט איהם אוועק.

וואס האט דא פאסירט? האבען זיי זיך געוואונדערט. א ווייל שפעטער איז דער רב אריינגעקומען און פארציילט דער גאנצע מעשה, און ער האט זיי געזאגט אז היינט איז באמת נישט פסח. און דער טעם פארוואס ער האט נישט געוואלט פריער דערציילען וואס דא איז געשען, איז כדי צו זיין פארזיכערט אז דער רשע זאל האבען א ביטערען סוף. היינט אינדעפרי האבען די פאליציי אוסגעפריווט און געגעבען א הינט צו עסען איין ברויט, און דער הינט איז אויפן ארט געשטארבען, און מען האט ארעסטירט דעם רשע דער בעקער. אזוי זענען אלע יודען געראטעוועט געווארען, כן יאבדו כל אויבך ה'.

## ער האט איהם באמערקט

דער צדיק ר' פסח זצ"ל - דער פאטער פון ר' צבי אלימלך זי"ע (דער "בני יששכר") פלעגט זיך פארדינגען אלץ א מלמד ביי א רייכען מענטש אין א געוויסען דארף. ער פלעגט פארברענגן ביי יענעם א גאנץ ווינטער און פאר פסח איז ער אהיים געפאהרן מיט די געלט וואס ער האט פארדינט ביי יענעם.

דער בעל הבית איז געווען זייער א קארגער מענטש און קיינמאהל נישט געטיילט קיין צדקה מיט א ברייטע האנט. ר' פסח האט נישט געקענט צוקוקען ווי ארימעלייט גייען אוועק פון איהם צובראכען און טרויעריג, האט ער געבעטן זיין בעל הבית אז ער זאל טיילען צדקה אויף זיין חשבון, און ביים ענדע זאל ער אראפ רעכענען פון די געלט וואס ער האט אויסגעטיילט פאר צדקה.

פאר פסח, ווען ר' פסח האט געוואלט אהיים פאהרן, האט דער בעל הבית אויסגערעכענט וויפוהל צדקה ער האט אויסגעטיילט אויף ר' פסח'ס חשבון. עס איז אויסגעקומען אז ר' פסח האט נאך געמוזט צולייגען א סומע געלט, אבער ער האט דאך גארנישט געהאט ביי זיך. האט דער בעל הבית ביי איהם צוגענומען זיין מאנטעל און בעקיטשע.

אזוי איז ר' פסח אהיים געפאהרן ליידיג אהן קיין פרוטה. ער האט זיך געשעמט אריין צו גיין אין זיין הויז, איז ער אנשטאט דעם געגאנגען אין בית המדרש. דארט האט איהם געטראפען זיין זוהן ר' צבי אלימלך, און ער איז באלד אהיים געלאפען מעלדן פאר די מאמע אז דער טאטע איז שוין אהיים געקומען. זי האט שנעל צוגעגרייט א מאלצייט ווי עס פאסט צו זיין.

באין ברירה איז ר' פסח אהיים געגאנגען, און ער באמערקט ווי אויפן וועג פאהרט שנעל אריבער א פערד און וואגען און דער רייטער ווארפט אראפ צו זיי א שווערן זעקל. ר' פסח רופט און ווינקט איהם אז ער זאל זיך אפשטעלן אויף צו נעמען זיין זעקל. אבער יענער פאהרט ווייטער און מאכט זיך נישט וואוסענדיג. ער שרייט העכער און העכער און לויפט איהם נאך, אבער יענער איז געפארען זייער שנעל ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדען געווארען. ר' פסח האט פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין פשוטע זאך. ער האט אויפגעמאכט דעם זעקל און געטראפען ליגען פונקטליך וויפוהל געלט דער בעל הבית האט איהם געמוזט באצאהלן.

דער סדר האט ער שוין אנגעראכטען מיט א ברייטקייט, און ווען מען איז אנגעקומען צו "שפוך חמתך" און געעפענט די טיהר, האט זיך דער קליינער זוהן ר' צבי אלימלך אנגערופען: "קוק נאר, קוק נאר טאטע, אט דא איז דער מענטש וואס האט צוגעווארפן צו אונז דעם זעקל"!!!

## דער מפלה פון דעם פריץ

ווען מהר"ש מבעלזא זי"ע האט אנגעהויבן צו בויען די שוהל אין בעלזא, האט דער פריץ פון די שטאט אנגעהויבן אנצוטוהן צרות און ענג צו מאכן פאר איהם זיינע וועגן. ער האט געסטראשעט אז קעגען איבער דעם שוהל וועט ער בויען א קירכע גרעסער און העכער פון דעם שוהל. דערווייל איז שוין אנגעקומען פסח, און דער פריץ האט ארויסגעגעבן א ביטערע גזירה אז מען טאהר נישט מאכן קיין שום מצה בעקעריי אין שטאט ווייל עס קען צוברענגן צו פייער-אויסברוך.

די איינוואוינערס אין בעלזא זענען געווארן זייער צובראכן און טרויעריג פון די ביטערע בשורה, אבער מהר"ש זי"ע האט זיך פון דעם איבערהויפט נישט וויסענדיג געמאכט. און ער האט יעדעם איינעם בארוהיגט אז מען וועט נאך באקען פיל מצות אויף פסח. די פאליציי וואס דער פריץ האט ארום געשיקט צו זעהן אויב די יודן היטען אפ זיין באפעהל, האבן דערצעהלט פאר דעם פריץ דאס די איינוואוינערס זענען טאקע זייער טרויעריג, אבער זייער רבי בארוהיגט זיי אז זיי וועלן נאך באקען פיל מצות.

דאס האט זייער אויפגערעגט דעם פריץ, און ער האט מורא געהאט דאס די הויפט יודן פון די בעלזער געמיינדע, וועלן נאך קענען ערלעדיגן ביי די העכערע רעגירונגס מיניסטארן, צו מבטל זיין די גזירה. דערפאר האט ער באשלאסען געשווינד אריבער צו פאהרן צו דעם הויפט מיניסטער וואס געוועלטיגט אויף די אלע שטעטלעך און דערפער, און איהם ערקלערן ווי געפערליך עס וועט זיין אויב מען וועט ערלויבן די יודן צו באקען מצות. אנצוקומען צו יענעם מיניסטער, האט מען געמוזט אריבער פאהרן א שמאלען בריק. ווען דער פריץ איז אנגעקומען צו יענעם שמאלען בריק, האט ער באמערקט ווי קעגען איהם רייט דער פריץ פון

"היבניב". אזוי ווי שטאלצע פריצים וואס זענען נישט מוותר פאר זייער כבוד, האבן זיך די צוויי אנגעהויבן ארום צו קריגען ווער עס מוז אפטרעטען פארן צווייטן און פריי מאכן דעם וועג. פון שרייען מיט די מויל האבן זיי אנגעהויבן זיך צו קריגען מיט די הענט, ביז דער פריץ פון בעלזא איז געהרג'ט געווארן.
די גזירה פון מצות איז בטל געווארן, און אויך דער פראבלעם פון דעם שוהל איז צו נישט געווארען. און דער שטאט בעלזא איז געווארן צהלה ושמחה.

## אויסגעבעטן קינדער ביים "מה נשתנה"

א חסיד איז אמאהל געפאהרן צו זיין רבי'ן דער "תפארת שלמה" פון ראדאמסק זי"ע. דער איד האט געדארפט געהאלפן ווערן, ווייל שוין אכצעהן יאהר וואס ער האט חתונה געהאט און ער האט נאך נישט געהאט קיין קינדער. האט איהם דער רבי געהייסען קומען צום קומענדיגען סדר, פסח ביינאכט.
איידער דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן די "מה נשתנה" האט ער צוגערופען דעם חסיד, און געהייסען פארלייענען וואס עס שטייט אין די הגדה פאר "מה נשתנה" האט ער געליינט "כאן הבן שואל" (דא פרעגט דער זוהן די קשיות). האט איהם דער רבי געזאגט: "כאן הבן שואל - דא קענסטו אויסבעטן א זוהן".
אזוי איז טאקע געווען, א יאהר שפעטער איז איהם געבוירן געווארן א זוהן!

## קריאת שמע פון די "ארבעה בנים"

דער "בני יששכר זי"ע" איז איינמאהל פסח נאכן סדר ארום געגאנגען אין שטאט צוקוקען ווי אזוי די פראסטע מענטשן רעכטן אפ דעם סדר.
ווען ער איז געשטאנען אונטער די טיהר פון זייער א פראסטער מענטש, האט ער געהערט אז ווען יענער איד איז אנגעקומען צו דעם שטיקל: "אחד חכם, אחד רשע", האט ער אויסגעשריגן הויך אויפן קול: "אחד" חכם, "ואחד" רשע, "ואחד" תם, "ואחד" שאינו אידע לשאול - אזוי ווי מען שרייט ביי קריאת שמע "אחד".
האט זיך דער "בני יששכר" אנגערופען: "דער מענטש האט געמאכט פון די "ארבעה בנים-קריאת שמע". דאס איז מרומז אין די הגדה פון "מעשה ברבי אליעזר וכו' עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של "שחרית". "שחרית" איז נוטריקון: "חכם - רשע - תם - שאינו אידע לשאול". די הייליגע תנאים האבן אריינגעברענגט א הרהור תשובה אין אלע מענטשן פון שטאט, אז הגיע זמן קריאת שמע של "שחרית", וואס מיינט "חכם-רשע-תם-שאינו אידע לשאול". אז אלע מענטשן האבן אויף זיך מקבל געווען עול מלכות שמים.

## דער ריכטיגער אורח ביים סדר...

געווען אמאל א איד אן ארימאן וועלכער האט געצויגן זיין פרנסה פון גיין, דאס הייסט. ער איז ארומגעגאנגען איבערן שטאט און דערפער און צונויפגעזאמעלט נדבות פון אחינו בני ישראל. אין זיינע וואנדערנונגען האט ער זיך אמאל באגעגענט מיט אן ארימען גוי, וועלכער האט ממש נישט פארמאגט דעם טאג דורכצולעבען. דער גוי האט זיך אויסגערעדט זיין הארץ פאר דעם איד ווי ער פלאגט זיך.
דער איז געווארן שטארק איבערגענומען פון דעם גוי'ס מצב, ער האט פארגעשלאגן פאר דעם גוי א פלאן. אזוי ווי ער, דער גוי, האט אמאל געוואוינט אין דייטשלאנד און ער רעדט נאך גאנץ גוט דייטש, וועלכעס ענדלט שטארק אין דער אידישער שפראך, וועט ער, דער איד, אים אויסלערנען נאך בעסער די שפראך מיט נאך עטליכע אידישע פירונגען, ער וועט אים איינקויפן אידישע קליידער, אזוי אז ער וועט קענען קומען מיט אים צוזאמען אלס גייער, און ער וועט פשוט אויפגעראכטן ווערן...
געכאפט און געטאן, דער איד שטאפירט אויס דעם ארימען גוי, לערנט אים אויס עטליכע לשון הקודש ווערטער, און דער גוי וואַרט עטליכע וואכן ביז די בארד הייבט אים אן צו וואקסן. ער איז א פערטיגער. ער לאזט זיך אין וועג אריין צוזאמען מיט זיין שותף דער איד.
אזוי האבן זיי אפגעשפילט דעם גאנצן ווינטער מיט גרויס סוקסעס. דער גוי האט גוט געשפילט די ראלע, און ער האט איבעראל באקומען פיין צו עסן און אביסל שטיצע.
ווען עס האט זיך דערנענטערט דער פסח, האט דער איד דערציילט פאר זיין "באגלייטער" אז עס קומט יעצט דער יום טוב פסח. אין דעם יום טוב, האט ער אים געזאגט וועלן מיר ביידע שוין נישט הונגערן, קודם כל די ערשטע נאכט פסח פירט מען אפ א "סדר" ווען מען עסט די שענסט און בעסטע מאכלים, מען טרינקט וויין, פארן עסן און נאכ'ן עסן, מען פראוועט ביז אין דער נאכט מיט געזאנג און טענץ. און בכלל די גאנצע וואך וואס דער פסח דויערט איז דא אין יעדע אידישע שטוב ברייט צו עסן. דער גוי האט דערפון גרויס הנאה געהאט. סוף כל סוף איז ער דאך געווען א גוי, וועלכער עפנט אויף מויל און אויגן ווען עס האנדלט זיך פון עסן און טרינקן. ער האט געציילט די טעג ווען דער יום טוב וועט שוין אנקומען ער האט געטרוימט מיט פלענער.
ער האט זיך געזען זיצן ביי א "סדר" וואו מען זיפט אריין איין גלעזל נאכ'ן צווייטן, דער איד האט דאך עפעס געזאגט אז אפילו אן ארימאן מוז טרינקן אומווייניגסטענס פיר גלעזער וויין, און טאקע פון די גרויסע, און דוקא פיינעם רויטן וויין. נאכער ברענגט מען אריין א פיינע סעודה, פיש, פלייש מיט צימעסן, נאכדעם נעמט מען זיך ווייטער צום טרינקען, און דאן צום זינגן און טאנצן. ווען האט ער דען געהאט אזא איבערלעבעניש... דער איד האט אים אויך דערציילט אז מען עסט "מצה", אזא מין ספעציעלע ברויט. דאס מוז זיין מסתמא גאר א פיין ברויט וואס מען מאכט נאר פאר דעם טוב. אך ווי גוט וועט אים גיין.
ענדליך איז דער ערוואטערטער טאג געקומען. עס איז ערב פסח, דער איד צוזאמען מיט זיין "באגלייטער" זענען איינגעשטאנען ביי א געוויסן בעל הבית, ביי וועלכן עס איז געווען צוגעגרייט פון אלעם בעסטן. דער איד האט געגעבן צו ערקלערן פאר זיין "פריינד", אז כדי מען זאל קענען עסן היינט ביינאכט מיט דעם געוואונטשענעם אפעטיט, וועט מען דורכ'ן טאג נישט עסן קיין צו שטאק זעטיגע מאכלים. מילא, וועט ער אביסל אונטער הונגערן, עס לוינט זיך אלעס אבי צוצוקומען צו דער סעודה.
עס איז שוין נאך זון אונטערגאנג דער בעל הבית מיט זיינע געסט גייען אין שול אריין, אונזער "איד" שפירט גראדע אביסל הונגער, אבער ער מוטיגט זיך אז באלד וועט קומען די גרויסע סעודה. אפגעדאווענט מעריב וויל דער "איד לויפן אהיים, זעט ער אבער ווי יעדער בלייבט נאך אויפ'ן פלאץ. וואס איז יעצט? פרעגט ער זיין פריינד. יעצט זאגט מען הלל ערקלערט ער אים. נו מילא, ער וועט שוין אויסהאלטן. די פרייליכע ניגונים פון הלל, און דער געדאנק אז אט אט און מען זעצט זיך צו דעם "סדר", האט אים אויפגעהאלטן אין זיין הונגער.
מען איז שוין אינדערהיים, דאס קינד האט שוין געזאגט "קדש", ווען דער טאטע קומט ..."יעדער באקומט א גלעזל וויין, מען מאכט קידוש, דער "איד" זיפט אריין דאס גלעזל, א מחי', נאך עטליכע אזעלכע גלעזלעך, מיט א פיינע סעודה, וועט מיין גלייכן זיין. אמת, כדאי צו זיין א איד" טראכט ער ביי זיך.
דאס קינד זאגט ווייטער פאר "מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט נישט קיין ברכה. ער פארשטייט נישט פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה, אבער וואס ארט אים דען, זאל זיין אן א ברכה, נאר מען מען זאל זיך שוין אמאל זעצן צו דער סעודה. ביז א מינוט זעט ער ערשט זיין ביטערן טעות. קיין סעודה נישט, נאר עטליכע שטיקלעך רעטעך איינגעטונקן אין זאלץ וואסער. זיין אפעטיט ווערט נאך מער צערייצט.
דער בעל הבית, זעענדיג די טרויעריגע מינע פונעם גאס. ערקלערט ער אים אז דאס איז נאר א הקדמה צו דער סעודה, מען נעמט זיך שוין צום עכטן. מען מוז נאר קודם זאגן די הגדה נישט אזוי גרינג צו זיין א איד, טראכט זיך דער איד.
שוין געענדיגט די הגדה, מען וואשט זיך שוין צום עסן, דער איד שלינגט גאנץ אפעטיטלעך אראפ די צוויי כזיתים מצה און שטעלט אן זיינע אויגן ווארטנדיג צו די ריכטיגע סעודה. דא דערלאנגט מען אים "מרור". ער בייסט אריין און הייבט אן צו שלוכצן און הוסטן. זיין געדולד פלאצט שוין און פרעגט דעם פריינד זיינעם, דער וועלכער האט אים אריינגעשלעפט אין דעם גאנצן "געשעפט" דאס איז די סעודה פון וואס דו רעדסט?, דאס האט דאך קיין טעם נישט!, ווארט איין מינוט, בארואיגט אים דער איד. דאס איז נאר איין כזית, באלד קומט דאס ריכטיגע.
ווידער דערלאנגט מען אלע מסובים דעם כורך. דער איד בייסט אריין און ... צו זיין ביטער ענטוישונג... ווייטער דאס זעלבע... ביטער און האליג...
ער ווערט אויפגערעגט. הייבט זיך אויף און אנטלויפט מיט די נשמה אין די הענט.. ביי דער טיר האט ער נאך אספייעט צו הערן ווי דאס קינד זאגט "שולחן עורך מען ברענגט אריין צו עסן..." ער טראכט ביי זיך "נאך א גליק וואס איך בין אנטלאפן באצייטענס ווער ווייסט וואס זיי האבן נאך געוואלט דארט אריינברענגן. אבער וואו אהין לויפט מען?
א צעבראכענער און אנטוישטער איז ער געלאפן אין בית המדרש, זיך אנידערגעלייגט אויף דער הארטער באנק און איינגעשלאפן.
צומארגנס טרעפט ער אין שול זיין אלטן באקאנטן פריינד, און זידלט אים אויס: "דו אינטריגער וואס דו ביזט. דו האסט מיך פארפירט די גאנצע צייט איך זאל נישט עסן נאר ווארטן אויף דער גרויסער סעודה וואס איז באשטאנען פון האליגע גרינסן". הא הא - צעלאכט זיך דער איד - "דו נאר וואס דו

ביסט. ווען דו וואלסט אויסגעווארט נאך איין מינוט וואלסטו באקומען דאס גוטע. אלעס האסטו באקומען דאס גוטע. אלעס האסטו מיטגעמאכט, הגדה, מרור, כורך, נאר ביי שלחן עורך דעמאלט ווען עס קומט די סעודה ביסטו אנטלאפן.

דער נמשל איז זעלבסט פארשטענדליך. אידישע קינדער ליידן און מאטערן זיך אין גלות, האפנדיג אט אט עס פאנגט זיך אן די גאולה. השי"ת בעט אידישע קינדערווארט מיט געדולד, ביז דאס גוטע וועט קומען, דער פארכטיגער גרויסער, לעכטיגער, טאג. ביז דערווייל האבן מיר שוין באקומען היפש קארטאפל איינגעטונקען אין זאלץ וואסער. פיל מאל ליידער אראפגעשלינגען דעם ביטערן טראפן, דעם כזית "מרור" מיט'ן פילן זין פון ווארט, און די גרויסע סעודה האט זיך נאך נישט אנגעפאנגען אבער קלוגע מענטשן שטארקן זיך און האבן געדולד ווארטן אויס דאס גוטע. נארנים אנטלויפן באלד נאכ'ן כזית מרור, זיי פארשטייען נישט אז נאך די פינסטערע נאכט נאך די פילע כזיתים פון מרור אט דעמאלט קומט דאס גוטע אין דאס ליכטיגע צו וועלכן מיר וועלן אי"ה דערלעבן שוין אין באלד.

### לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו

ווי באקאנט האט דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע זייער שטארק געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל. פון הימעל האט מען דאס נישט צוגעלאזט. און א געוויסע יאהר האט ער נאכאמאהל פרובירט צו פארען קיין ארץ ישראל. אינמיטען זיין נסיעה, וואס איז פינקט אויסגעקומען פאר פסח, האט ער וועגען געוויסע שטערונגען געדארפט פארבלייבען אין דער שטאט קאנסטאנטינאפעל.

דארט אין יענע שטאט, האט מען נישט געוואוסט פונם גרויסקייט פון דעם הייליגען בעל שם טוב. צוליב דעם האט איהם קיינער נישט ספעציעל באמערקט, אין ער האט נישט באקומען קיין איינלאדענונג אויף א סדר. דער הייליגער בעל שם טוב איז בכלל נישט געווען באזארגט. ער איז רואיג געגאנגען אין בית מדרש און זיך געזעצט לערנען.

די גרויסע צדיקת אדל וואס איז מיטגעפארען מיט'ן הייליגען טאטען, איז יא געווען באזארגט, ווייל דער יום טוב פסח איז שוין באלד דא, און עס איז נישט דא ווי איינצושטיין. אפילו קיין פרוטה איז אויך נישט געווען צו קענען איינקויפען אויף יום טוב. זי האט זיך זייער שטארק צעוויינט.

זי האט גענומען איר פאטער'ס העמד צום טייך אויסצוואשען, טראכטענדיג אז כאטש א ריין העמד זאל זיין אויף יום טוב. בשעת זי האט געוואשען דעם בגד, האט זי מתפלל געווען צום רבונו של עולם, אז זיי זאלען געהאלפען ווערען.

עס איז אדורך געגאנגען א גביר און באמערקט ווי זי וויינט, האט ער איר געפרעגט: "וואס האט מיט אייך פאסירט?".

האט זי פארציילט זייער גאנצע פארלעגענהייט, ווי אויך וועגען דעם גרויסקייט פון איר הייליגען טאטען. דער גביר האט איר בארואיגט, זאגענדיג: "ביי מיר וועט איר זיין אויף יום טוב, און עס וועט אייך גארנישט פעלען", אויך האט ער איר איבערגעגעבען זיין אדרעס. דער צדיקת אדל איז באלד געלאפען אין בית מדרש פארציילען איר פאטער אז זיי האבען שוין ברוך השם ווי צו זיין אויף יום טוב.

ערב פסח איז דער בעל שם טוב מיט זיין טאכטער אריבער צום גביר אין שטוב. דער גביר האט איהם זייער פריינטליך אויפגענומען. ער האט איהם געוויזען ווי זיין שלאף צימער געפינט זיך.

דער הייליגער בעש"ט איז זיך געגאנגען אביסעל צולייגען. עס איז שוין געווארען שפעט און מען האט שוין געדארפט גיין אין שוהל דאווענען. דער גביר איז אריין אין צימער, אויפצוּוועקען זיין גאסט. ווי ערשטוינט איז ער געווען, זעהענדיג ווי אינמיטען שלאף גיסען זיך טייכען טרערען פון זיינע הייליגע אויגען.

א ווײַלע שפעטער האט זיך דער הייליגער בעש"ט אויפגעכאפט, און מיט א ברען געזאגט: "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו". דערנאך זענען זיי געגאנגען צום דאווענען. מען איז אהיים פון שוהל פרייליך. דער בעש"ט האט געפירט דעם סדר אויף גאר א הייליגען שטייגער. דער עושר האט פארשטאנען אז דא זיצט פאר איהם א גרויסע צדיק.

ווען מען איז אנגעקומען צו די ווערטער "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו", האט דער הייליגער בעש"ט זיך זייער שטארק צופייערט. מיט גרויס פרייד האט ער דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאהל. ווען זיי האבען געענדיגט די הגדה האט זיך דער בעש"ט אנגערופען: "ברוך השם אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפען און ער האט איבערגעדרייט טרויער צו פרייד". ער האט אנגעהויבען דערציילען וואס דא האט פאסירט.

דא אין קאנסטאנטינאפעל, האט אמאהל געוואוינט דער טערקישע קעניג. ער איז געווען א אוהב ישראל. זיין יועץ איז געווען א יוד מיט'ן נאמען ר' משה. קיין זאך האט ער נישט געטוהן אהן זיך דורכרעדען מיט איהם.

ווען דער קעניג איז געשטארבען, האט זיין זון איבערגענומען דער מלוכה. דער זון איז אויך געווען א אוהב ישראל. אויך ער האט גארנישט געטוהן אהן דער עצה פון זיין ראטגעבער ר' משה. צווישען די יועצים איז געווען א גוי'שע אנטיסעמיט, וואס האט נישט פארגינט אז א יוד זאל זיין אזוי גרויס. כסדר האט ער געזוכט עצות איהם שלעכטס צו טוהן. איינמהאל, איז איהם אייגעפאלען א פלאן. ער האט געזאגט אז עס וואלט געפאסט אז דער קעניג זאל ארומגיין אין דעם גאנצען לאנד, כדי אז יעדער זאל אנערקענען דער נייע מלך, און איהם באגריסען.

דער יועץ האט אויסגערעכענט אז דער קעניג זאל אנקומען צום יודישען געגענט פונקט פסח ביינאכט, ווען אלע יודען זיצען ביים סדר. אזוי וועלען זיי נישט באגריסען דעם קעניג. און דער יועץ וועט קענען אויספירען זיין בייזען פלאן. דער קעניג איז טאקע ארויס אויף א שפאציר. ווען ער איז אנגעקומען צו די יודישע גאס, האט ער געזעהן אז די יודען קומען איהם נישט אנטקעגען. ער האט זיך זייער געוואונדערט. דער יועץ האט זיך גלייך אנגערופען: "קוק ווי די יודען זיצען ביי זיך אין דער היים, און זיי פראווען גרויסארטיגע סעודות, און פון דיר מאכען זיי זיך גארנישט וויסענדיג".

דער קעניג איז טאקע זייער באליידיגט געווארען, און געפרעגט דעם גוי'שע יועץ: "ווי אזוי דארף מען יעצט באשטראפען די יודען פאר דעם?".

דער יועץ האט אויסגענוצט דעם געלעגענהייט און געזאגט צום קעניג: "דיין גוטע יועץ ר' משה העצט זיכער אהן די יודען, איהם דארף מען הענגען, און אלע יודען דארף מען פארטרייבען פון דעם שטאט".

דער קעניג האט זייער געפעלען די עצה, און באלד איבערגעגעבען זיין זיגעל רינגעל צום יועץ, אויסצופירען זיין רשעות'דיגע אקציע.

ווען דער קעניג איז אהיימגעקומען, האט ער פארציילט פאר זיין אלטע מאמען וואס עס איז דא געשעהן. ווען זי האט דאס געהערט, האט זי אויסגעבראכען אין א ביטער געוויין און געזאגט: "ווייסטו דען נישט אז די אלע וואס הייבען זיך אהן מיט די יודען האבען א ביטערען סוף? ווייסטו דען נישט וואס עס האט פאסירט מיט עמלק, המן, סנחרב, און נבוכדנצר, און אלע וואס האבען פרובירט צו טשעפענען מיט די יודען? די יודען זענען א גוט פאלק. דאס איז זיכער געווען א בלבול פון דיין שלעכטען יועץ".

שפעט אינמיטען נאכט, האט דער קעניג געשיקט רופען ר' משה. ער האט איהם פארציילט דער גאנצער מעשה, און געבעטען א עצה, ווי אזוי מען דרייט זיך ארויס פון דער שלעכטע גזירה, נאכדעם וואס ער האט שוין ארויסגעגעבען דעם רינגעל צו דעם שלעכטען יועץ.

ר' משה האט זיך נישט פארלוירען, טראכטענדיג אז היינט איז דאך "ליל שימורים". דער באשעפער וועט זיי זיכער נישט פארלאזען. נאך אפאהר מינוט טראכטען, האט ער זיך אנגערופען: "מארגען אינדערפרי, ווען דער יועץ וועט אנקומען, זאל מען איהם גלייך באפאלען אז ער האט גע'גנב'עט דער קעניגס רינגעל".

אזוי איז טאקע געווען. מען האט געפונען דעם רינגעל ביים גוי'שע יועץ. מען האט נישט געמאכט קיין פארשונגען, נאר מען האט איהם באלד געהאנגען. אזוי זענען די יודען געראטעוועט געווארען פון א ביטער גזירה.

דער בעל שם טוב האט געענדיגט זיין ערציילונג און געזאגט: "ווען איך האב געוויינט אינמיטען שלאף איז דאס געווען צוליב דעם קטרוג וואס האט געהאנגען אויף כלל ישראל. ברוך השם אז מען האט גע'פועל'ט א ישועה".

יום טוב אינדערפרי, ווען ר' משה איז אהיים געקומען, נאכדעם וואס מען האט געהאנגען דעם רשע, איז ער פונקט אדורך געגאנגען דעם הויז פון דעם גביר. ווען דער הייליגער בעל שם טוב האט איהם דערזעהן, האט ער ארויסגעשריגען פון פענסטער: "גוט יום טוב ר' משה.

יא, דער אייבערשטער האט געברענגט א ישועה צו זיין פאלק, און דו ביסט געווען דער גוטער שליח. אמת, "לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו".

### א סדר אין דער פרעמד

די פאלגענדע מעשה האט פאסירט אין די צייטן ווען די רוימישע אימפעריע האט באהערשט לענדער און פעלקער און איר נאמען האט געקלינגן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען. די שטאט רוים אליין איז דאן באטראכט געווארן אלס די מעכטיגסטע אין דער גאנצער וועלט, און צווישן די פיל געזעצן וואס דער פויפסט פון רוים האט דאן ארויסגעגעבן, האט פארנומען דער אויף אויבן-אן א געזעץ וואס פארבאט א איד ארויפצוטרעטן אויף די רוימישע ערד, א איד האט אפילו נישט געמעגט דורכפארן די שטאט. שוין אפגערעדט פון וואוינען אדער פירן דארט א געשעפט. פאר פארלעצן דעם געזעץ האט מען באשטראפט מיט טויט.

האט זיך אמאל געמאכט אז א באוואוסטער אידישער סוחר מיטן נאמען ר' הלל, האט זיך בהאלטענערהייט געפונען אין רוים צוליב געשעפטליכע אינטערעסן און צוליב די גרויסע פארפלייצונג אין דער רוימישע געגענט, האט ער נישט געהאט קיין שום מעגליכקייט צוריקצופארן אהיים אויף פסח וואס האט שוין געהאלטן ביים אנקומען. עס איז אים געווען זעהר שווער ארויף צו ברענגען אויפן געדאנק. אז ער וועט דארפען זיין פסח ווייט אוועק פון דער היים, איבערהויפט אין אזא שטאט ווי רוים וואו די סכנה פאר א איד איז אזוי גרויס. פון דער אנדערע זייט, האט ער אבער פארט געמוזט שנעל טרעפן אן עצה וואו אזוי צו פארבלייבן פסח אין רוים, און דאך אויסגעהיטן ווערן פון דעם הארבן איסור פון חמץ בפסח און זעהן מקיים צו זיין די מצוה פון אכילת מצה.

די צייט איז ווי געפלויגן, די טעג האבן זיך גערוקט.. עס איז שוין ערב פסח נאכמיטאג און ר' הלל ווייסט נאך אלטץ נישט וואו ער האלט אין דער וועלט, ער האט ערשט יעצט דערפילט דעם טעם פון גלות און זיין הארץ איז פיל מיט באגער צו פייערן דעם יום טוב פון דער ערשטער אידישע גאולה, לויט אלע דינים און הידורים.

פון גרויס פארצווייפלונג איז אים איינגעפאלן א געדאנק, זיכער, האט ער ביי זיך געטראכט, לעבן דא אין רוים ערגעץ אידן באהאלטענערהייט און אין זייערע הייזער גרייט מען זיך יעצט אריינצונעמען דעם שיינעם יום טוב פסח. ער וועט גיין צום שטאטישן מארק פלאץ, האט ער ווייטער געטראכט, און צוקוקען ווער פון די איינקויפער וועט איינהאנדלען אזא פסח'דיגן מאכל ווי מרור וואס אידן לייגן אויף די פסח'דיגע קערה צום סדר, דער וואס וועט איינקויפן היינט ערב פסח נאכמיטאג א מאכל וואס מ'לייגט אויף די קערה, איז זיכער א איד וואס היט אפ אידישקייט באהאלטענערהייט און ער וועט שוין טרעפן א וועג ווי אזוי זיך אויפצוהאלטן פסח ביי דעם איד.

שטייענדיג אזוי אויפן מארק פלאץ און מיט די אויגן קוקענדיג אויף אלע זייטן און ווארטענדיג צו געפונען א איד אין רוים, האט ער מיטאמאל באמערקט ווי עס איז צוגעפארן א שיינע קארעטע פון וועלכען עס איז אויסגעשטיגן נישט קיין אנדערע ווי דער שטאט-הויפט (גובערנאטער) פון רוים. ער האט זיך אליין נישט געקענט גלייבן ווען ער האט געזעהן ווייטער ווי דער שטאט-הויפט איז האסטיג אראפ פון קארעטע און שטילערהייט עפעס אנגעזאגט פארן באדינער וועלכער איז גלייך געגאנגען צו איינעם פון די גרינס-הענדלער און געקויפט א בינטעלע מרור. פאר דעם גרויסן עולם וואס האט זיך ארומגעקליבן ארום דעם מעיאר'ס קארעטע, האט דער מעיאר עקלערט אז ער איז ספעציעל געקומען זיך צו באקענען מיט דער לאגע אויפן מארק און זעהן וואס פארא אויסבעסערונגען מען דארף דארט מאכן. דער באדינער איז צוזאמען מיט זיין האר גלייך אפגעפארן צוריק צום שטאטישן פלאץ. פאר ר' הלל איז עס געווען מער ווי זיכער אז דער שטאט-הויפט פון רוים, די שטאט וואו קיין שום איד טאר זיך נישט געפונען, איז גאר אליין א איד, און נאך דערצו א פרומער איד וואס קומט אליין אויפן מארק איינקויפן מרור אויף פסח, די פראגע איז אבער יעצט געווען פאר ר' הלל ווי אזוי זאל ער זיך דערשלאגן צום שטאט-הויפט און אים אנטפלעקען זיין סוד? די צייט איז געווען קורץ און ר' הלל איז גלייך אוועק צום פאלאץ און זיך געמאלדן פאר זייער א וויכטיגע אודיענץ מיטן שטאט-הויפט.

איך וויל אייער אויפמערקזאמקייט פאר אייניגע מינוטן, האט ר' הלל אנגעהויבן זיין געשפרעך מיטן שטאט-הויפט, און איך האף אז איר וועט עס מיר באוויליגן. איך בין א איד און היינט אווענט פאנגט זיך אן אונזער גרויסער און הייליגער יום טוב פסח. איך בין דא פארהאלטן געווארן צוליב די פארפלייצונגן און אזוי ווי איך האב דערקענט דורך אייער איינקויפן מרור אז איר זענט א איד וויל איך זיין אייער גאסט פאר די אכט טעג פון יום-טוב. איך וועל אייך באצאלן וויפיל איר וועט בעטן.

דער שטאט-הויפט האט רוהיג אויסגעהערט ר' הלל'ס רייד און אים קיין ווארט נישט געענטפערט ער האט אים אנגענומען ביי דער האנט און אריינגעפירט אין א צווייטן צימער וואו ער האט אויפגעעפנט א געהיימע טיר וואס האט געפירט צו א גרויסער הייל, א מין אינטער-ערדישע וואוינונג וואו עס זענען געשטאנען גרייט טישן מיט כל טוב און דער ריח פון די יום טוב'דיגע מאכלים האט מען געשפירט פון יעדן ווינקל.

דא אויף דער רעכטע זייט האט איר א צימער פאר זיך. האט דער מעיאר ענדליך געבראכן זיין שטיל שווייגן און מיט א צופרידענעם שמייכל דערלאנגט ר' הלל א ברייטן שלום עליכם...

ווען עס איז אנגעקומען מנחה צייט. איז א באדינער אריינגעקומען צו ר' הלל אין צימער און אים געבעטן צו גיין אין שול דאווענען, אזא פראכטפולע שול האט נאך ר' הלל אויף זיין לעבן נישט געזעהן. די ווענט געמאכט פון טייערע מארמארענע שטיינער, די לייכטער אויסגעקלאפט פון ריינעם גאלד און דער דאך אויסגעמאלן מיט די שענסטע אויג-פארכאפנדע מאלערייען, דער עולם אין שול איז געווען רייך געקליידעט און יום טוב'דיג געשטימט, די שטימונג האט אינגאנצען נישט אויסגעזעהן ווי אין א שול וואס איז באהאלטן אין אן אינטער-ערדישע הייל וואו מען איז שטענדיג אין מורא פאר דער רעגירונג.

מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה בציבור, דערנאך געזאגט דעם סדר קרבן פסח, און אלעס מיט גרויס התלהבות, אזוי איז אדורך א גאנצען דאווענען, נאכען דאווענען האט מען זיך איינער דער אנדערן געוואונטשן "גוט יום טוב" און דער גאנצער עולם איז אריין אין גרויסן עס-זאל, נעבן שול, אפצורעכטן דעם סדר און פראווען די הייליגע נאכט ווי מ'פירט זיך ביי אלע אידן.

ר' הלל איז געזעצן אויבן-אן און נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן. דאס איז רוים? די שטאט וואו א איד טאר נישט וואוינען? איז עס דען נישט קיין באוויז, אז טראץ די אלע גזירות וואס די גוים מאכן אויף דעם אידישן פאלק וועט זיי קיינמאל נישט געלונגען ביי צוקומען דעם אייביגן גייסט פון דער הייליגער תורה? אייביג איז דאס פאלק ישראל און אייביג איז זיין תורה!

אבער זיצנדיג אזוי פארטראכטערהייט איז ער מיטאמאל ווי אויפגעשפרינגן פון זיין ארט ווען ער האט געזעהן ווי איינער פון די באדינער האט דערלאנגט צום טיש א לאנגע פעטן קעז וועלכער דער גאנצער עולם האט אויפגעשלינגן. וואס טוט זיך דא? איז ער צווישן אידן אדער חס ושלום... זאלן דען די אידן נישט וויסן דעם דין אז מען טאר נישט עסן קיין מילכיגס נאך פלייש? בעטנדיג אנטשולדיגונג האט ער זיך געווענדעט צום שטאט- הויפט, אלס בעל הבית פון זיין הויז, אויב ער ווייסט נישט דעם דין וואס פארבאט צו עסן מילכיגס נאך פלייש. "איך האב דאך געמיינט אז איר זענט פרומע אידן", האט ער מיט טרערן אין די אויגן אויסגעשריגן, "און איך האב ביי אייך געגעסן די ערשטע סעודה פון יום-טוב פסח. ווער ווייסט אויב איך בין נישט נכשל געווארן אין דעם הארבן איסור פון חמץ בפסח?"

אנשטאט אים צו ענטפערן אוף זיינע דרינגליכע פראגעס האט דער שטאט-הויפט געבעטן ר' הלל ער זאל פארזוכן פון דעם וואונדערבארע "קעז" איר האט נאך אזוינס אויף אייער לעבן נישט פארזוכט", האט ער צוגעגעבן, און וועגן דער עבירה פון עסן מילכיגס נאך פלייש האט ער אנגעפאנגן צו ברענגן ראיות אז עס איז גארנישט אזא שטארקע עבירה ווי מען מיינט און אז ביי זיי האלט מען נישט פון דעם, פון זיינע רייד איז געווען קענטיג, אז ער האלט זיך פאר א גרויסן למדן און דאס האט נאך מער אויפגעבראכט דעם פארצארענטן ר' הלל.

נאך לאנגע אמפערנישן האט דער בעל הבית איינגעזעהן ווי שטארק ר' הלל ערגערט זיך און האט זיך ענדליך אנגערופן צו אים , "איר זאלט וויסן טייערער גאסט, אז דער קעז וואס מיר אלע האבן געגעסן איז געווען פון מאנדלען און נישט פון מילך. עס איז געווען א הונטדערט פראצענטיגע פרווה קעז, און אין די דינים פון "בשר וחלב" זענען מיר אפגעהיט פונקט אזוי ווי איר.

פארוואס האט איר מיר גלייך נישט געזאגט? האט ר' הלל געפרעגט, פארוואס האט איר מיר אנגעטוהן אזוי פיל עגמת נפש און צער?"

"איר פארשטייט" האט דער שטאט-הויפט געענטפערט, מיר האבן געוואלט זעהן אויב איר זענט נישט קיין שפיאן, יעצט איז אונזער פארדאכט פאריבער, און לאמיר אלע ממשיך זיין מיט אונזער טייערן יום טוב פסח!

## שיין פארענטפערט דעם רמב"ם

הרב הצדיק רבי הערשל ליסקער זי"ע האט אמאהל שבת הגדול ביי די דרשה אויסגערופען: "עס איז א מנהג שבת הגדול צו האלטן א דרשה אויף ענינים פון פסח, און פראבירן צו פארענטפערן סתירות אין דעם רמב"ם אז זיינע ווערטער זאלן גארנישט שווער זיין. איך וועל פראבירן צו פארענטפערן א שווערע סתירה פון דעם רמב"ם.

דער רמב"ם פסק'ענט, אז עס איז א מצוה פסח ביינאכט צו עסן מצות. אויך פסק'ענט ער אין הלכות גניבה: אז עס איז אסור צו גנב'ענען. אבער אסאך מאהל קומט אויס אז די ארימעלייט האבן א גרויסע פראבלעם מיט די צוויי רמב"ם'ס. דערפאר ווען די ארימעלייט קומען צו מיר פאר פסח מיט דעם פראבלעם, פארענטפער איך זיי די שווערע סתירה אויף דעם רמב"ם. און דאס איז מיין גאנצע שבת הגדול דרשה"!!

Typesetting & Design By

Pearl designer